STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00905

# SHOTNS FUN VARSHEVER GETO

Itzik Fefer

*Permanent preservation of this book was made possible by*
*Drs. Arthur & Catherine Gold*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

איציק פּעפּער

# שאָטנס פֿון וואַרשעווער געטאָ

איציק פעפער

# שאָטנס פון װאַרשעװער געטאָ

איקוף פארלאג

דאָס בוך איז דערשינען מיט דער הילף
פון אַברהם לעפער, ברידזשפּאָרט

שער־בלאַט געצייכנט פון י. זעלדין

Copyright by
YIDDISHER KULTUR FARBAND (YKUF)
189 Second Ave., New York City (3)
1945

ITZIK FEFER
SHOTENS FUN WARSHAWER GETTO

Printed in U. S. A.

158

געדרוקט אין 2,500 עקז.

## א.

זיי בלאָנקען אַרום איבער געסלעך און ליקן,
זיי קלאַפּן אין חושך פון טירן צעפּראַלטע,
זיי קלאָגן ביי חורבות, זיי שלאָפן אויף בריקן,
זיי פאַלן אויף פינצטערע שליאַכן אויף קאַלטע.
זיי הויבן זיך ווידער און וואַנדערן מידע
דורך אָפּגרונטן גרויע, דורך באַרג־שפּיצן גרינע,
זיי האָבן נאָך אַלץ ניט דערזאָגט זייער ווידוי,
זיי קאָנען נאָך אַלץ זייער רו ניט געפינען.
אין מאָרגנס אין פריע, אין אָוונטן שפּעטע,
זיי בלאָנקען, די שאָטנס פון וואַרשעווער געטאָ.

זיי בלאָנקען דורך גרענעצן ווייטע און ברייטע
און גרינג איז דער וועג זיי אָן קלומקעס, אָן פּעקלעך,
די שרעקלעכסטע וואָך איז פאַר זיי שוין ניט שרעקלעך,
זיי בלאָנקען פאַרשטויבטע, זיי בלאָנקען פאַרשנייטע,
דורך גאַסן פאַרלאָזטע, דורך סעדער געטויטע,
זיי שוועבן ביי טייכלעך דורך שטילע קאַמישן,
זיי פליען אין בלייערנע וואָלקנס געקליידטע,
זיי קומען אין הייזער, זיי זיצן ביי טישן
און ניט ווי קיין אורחים, וואָס וואַרטן אויף עפּעס.

זיי קומען, ווי ס'קומען די נעכט אין די סטעפּעס,
זיי קומען ווי שיפֿן נאָך שטורעמס אויף ימען,
זיי קומען ווי קינדער אהיים צו דער מאַמען.
זיי בלאָנקען צוזאַמען, זיי בלאָנקען באַזונדער,
עס לעבט זייער פּלאָטער אין אונזערע הויטן,
עס לעבט זייער אומרו, עס לעבט זייער וואונדער
אין אונזערע לעבנס, אין אונזערע טויטן.
מען זעט זיי די שאָטנס אויף גאַניקעס, לעבן פאַרקאַנס
אויף שטומע לויות, אויף רוישיקע מאַרקן

און ניט ווי קיין בעטלערס די שאָטנס זיך ציען,
מיט הענט אויסגעשטרעקטע, מיט בליקן פֿאַרוועבטע,
זיי בלאָנקען אָרום ווי געקעפּטע נביאים,
מיט קרוינען פֿון רום אויף די קעפּ די געקעפּטע,
זיי טראָגן מיט שטאָלץ זייער גרויזאַמען גורל
און זייער פֿאַרבאָרגענער טרוים די געפֿאַר איז,
זיי בלאָנקען אָרום אויף דער וועלט ווי בונטאַרעס,
וואָס האָבן אין שלאַכט דאָס געווער ניט פֿאַרלוירן.

און ס'קען זיי די ווייסל און ס'קען זיי דער ניעמאַן
און ס'הוידען ביים ירדן זיך זייערע נעמען
און ס'זעט זיי די וואָלגע דורך רויכן פֿון צפֿון
און ס'האָבן די בערג זיי דעם וועג ניט פֿאַרלאָפֿן.

דורך וועגן צעביילטע, דורך יאָרן געפּלעטע,
זיי בלאָנקען די שאָטנס פֿון וואַרשעווער געטאָ.

## ב.

דורך וועגן צעביילטע, דורך יאָרן געפּלעטע,
זיי בלאָנקען, די שאָטנס פֿון וואַרשעווער געטאָ.

איך שעלט מיינע פֿינגער, וואָס זיי זיינען פֿינגער
און נים קיין פֿאַרסמטע, פֿאַרגיפֿטעטע קוילן
און ס'בריט דער געווייסן, וואָס כ'אָטעם, וואָס כ'זינג גאָר,
וואָס כ'בין נים דאָס יינגל דאָס ברוינע פון פּוילן,
דאָס יינגל פֿון וואַרשע, וואָס איז ווי אַ מלאך
געקומען צו מיר אין אַ נאַכט אין אַ גרויער,
דאָס וואַרשעווער יינגל, — אַ גרויסן מהלך
איז ער דורכגעשוואומען אויף פֿליגל פֿון טרויער
ביז ער איז געקומען אין אונזערע קאַנטן.
ס'איז גאָרנים קיין פֿליגל, אַ בלוט-רויטער מאַנטל
איז הענגען געבליבן לעבן שכנישן פֿענצטער.
און ס'האָט זיך דאָס יינגל, דער שאָטן פֿון געטאָ,
פֿון שאָטנס פֿון אַלע דער יינגסטער, דער קלענסטער,
געלאָזט מיט די וועגן, וואו קיינער געטרעט האָט.
דער מאַנטל איז הענגען געבליבן אינדרויסן
אויף עפּעס אַ בוים אַ באַיאָרנטן און גרויסן,

דער ווינט האָט צעווײנט זײנע פֿאַלדן די ברײטע.
ס'איז גאָרניט קײן מאַנטל, אַ פֿאָן האָט געוויט דאָ!
די פֿאָן פֿון דער געטאָ, און דאָס האָט פֿון שלאַכט זי
דאָס וואַרשעווער ייִנגל אַהערצו געבראַכט זי.

ער האָט זיך געטראָגן דורך וועלדער פֿאַרטױבטע,
באַגלײט האָט אין וועג אים די ערד די באַרױבטע;
און טרערן פֿון קינדער און רופֿן פֿון קדושים,
באַגלײט האָט אין וועג זײער הײליקער רויש אים.
עס האָבן באַגלײט אים צעשטאָכענע אויגן
און הערצער, וואָס האָבן אויף שפּיזן געפּלאַטערט
און געגנטן גאַנצע מיט רויכן פֿאַרצויגן
און וואונדן, וואָס האָבן דורך דורות געיאָטערט.
דער הימל אַלײן האָט די וועגן געשפּרײט אים,
פֿון חורבות און בײנער דער אַש האָט באַגלײט אים.
און שטיל האָט די פֿאָן אויף די צווײגן געפֿיבערט,
ווען ער איז די שוועל פֿון מײן וואוינונג אַריבער.

— שטײ אויף! האָט דאָס ייִנגל פֿון געטאָ באַפֿוילן, —
שטײ אויף! לאָמיר פֿליִען צו קבֿרים פֿון פּוילן,
געבענטשט זײַנען די, וואָס געדענקען די קבֿרים,
וואו ס'ליגט אונזער פֿאָלק אונזער גרוים, אונזער אָרעמס,

די פֿאָן וועט אונז פֿירן דורך בערג און דורך ימען,
די פֿאָן וועט אונז פֿירן. מיר פֿליִען צוזאַמען.

ג.

די פּאָן וועט אונז פֿירן דורך בערג און דורך ימען.
די פּאָן וועט אונז פֿירן. מיר פֿליען צוזאַמען.

דער הימל פֿון מאָסקווע, ער האָט ניט געדרעמלט,
ער האָט זיך צעלויכטן מיט שטאָלצע סאַליוטן
און ליכטיק געווען איז אין הויף פֿונם קרעמל
און אַלץ האָט באַגלייט אונז, געשיינט אונז צום גוטן.
און וואָס פאַר אַ שטערונג אין וועג קאָן זיין וויכטיק,
ווען דאָ אינם הויף פֿונם קרעמל איז ליכטיק?

אַ לויב צו די פֿליער, וואָס ווייסן די וועגן
און דאַרפֿן ניט בלאָנדזשען און דאַרפֿן ניט פֿרעגן.

דער וועג ביי דער שיין פֿונם קרעמל ווערט ברייטער
און ס'ווערט אַזוי ערדיש פֿון שטערן דער שמייכל.
מיר פֿליען. וואוהין? אין אַ וועלט אין אַ צווייטער,
מיר פֿליען און קאָנען זי אַלץ ניט דערגרייכן,
אַזוי איז זי ווייט פון מיין היים, פון מיין טייכל,
אַזוי איז זי נאָענט צו מיין בראָך און מיין ווייטיק,
מיר פֿליען אַ טאָג שוין, מיר פֿליען שוין צוויי טעג,
מיר פֿליען אַ חודש, אַ יאָר איז פֿאַרלאָפֿן,

אָן אייביקייט איז שוין פֿאַרגאַנגען. מיר פֿליען
און קאָנען נאָך אַלץ צו דעם ציל ניט דערציען.

ווער פֿליט עס? דאָס יינגל מיט אַש אין די אויגן,
און איך מיט מיין אומזין, וואָס וויל זיך ניט בויגן.
ווער פֿליט עס? עס פֿליט אונזער ווײ, אונזער צאָרן,
צי ס'פֿליט אונזער מוט, וואָס איז רייפֿער געוואָרן?
נאָר ווער ס'זאָל ניט פֿליען, וועט קומען בשלום,
אויב ס'טראָגט אים אין וועג דער געוויסן, וואָס רוט ניט,
אויב ס'איז נאָר פֿון שימלדיק וואַסער זיין בלוט ניט,
אויב ס'איז נאָר זיין טרוים און זיין שוואונג ניט קיין חלום.

מיר פֿליען ווען טויב ווערן וועלדער און ברייטן,
מיר פֿליען נאָר דעמאָלט, ווען ס'רוקט זיך די נאַכט אָן,
ווען שאָטנס פֿון געטאָ אין וועג אונז באַגלייטן,
און רינגלען אַרום אונז ווי רויכן נאָך שלאַכטן,
ווי לייבלעכע נאָענטע ליבע געשטאַלטן
וואָס האָבן זיך בלויז פֿון דער טאָג־שיין באַהאַלטן.

זיי שווימען אונז נאָך און באַקוקן די וועגן,
זיי שוועבן פֿאַראויס אינם רוים אינם פּוסטן,
מיט פֿויסטן, וואָס ווייסן דעם טעם פֿון געשלעגן,
מיט הערצער, וואָס ווייסן די פּרייז פֿון פֿאַרלוסטן,
מיט ליידן, וואָס האָבן פֿאַר זיך ניט קיין ברעגן.

זיי שווימען. דאָס איז שוין באַוואוסט פֿון לאַנג־אָנען,
ווי ס'האָט יעדער מענטש זיינע פֿריינט, זיינע שונאים,

זיינע טעג, זיינע נעכט, זיינע גענג און געבאָטן,
האָט יעדערער זיין ניגון, האָט יעדערער זיין שאָטן.

דאָס ווייסן אַפילו די קינדער אין וויגן:
אַ מענטש האָט זיין שאָטן, אַ מענטש האָט זיין ניגון,
דער ניגון פֿאַרגייט און דער שאָטן באַגלייט אים
דעם מענטשן, ניט מיד ווערט דער שאָטן, זיך רוקן,
צוזאַמען זיך הייבן, צוזאַמען זיך בוקן
און שלאַנק איז דער שאָטן פֿון מענטשן, ווען ס׳גייט אים
און ס׳בויגט זיך דער שאָטן, ווען ס׳בויגט זיך דער רוקן,
עס קנייטשט זיך דער שאָטן, ווען ס׳קנייטשט זיך דער גורל
פֿון דעם, וואָס מיט אים איז דער שאָטן פֿאַרבונדן,
די שאָטנס פֿאַרשווינדן, ווען מענטשן פֿאַרשווינדן
און נאָר פֿון געציילטע און נאָר פֿון גבורים
און נאָר פֿון חכמים — די שונאים פֿון קייטן
פֿאַרבלייבן די שאָטנס די דורות באַגלייטן,
די שאָטנס פֿון הייסע פֿאַרטרוימטע געהירן
די שאָטנס פֿון שאַרפֿע, צעממיתטע שאַרבנס.
איז זאָלן די שאָטנס צום לעבן אונז פֿירן
און זאָלן די קדושים אונז לערנען צו שטאַרבן.

ד.

איז זאָלן די שאָטנס צום לעבן אונז פֿירן
און זאָלן די קדושים אונז לערנען צו שטאַרבן.

מיר פֿליען. דער מוט האָט צעפּראַלט אונז די טירן
און האָט אונז געבראַכט מיטן וועג אָט דעם הארבן
אין אָפּגרונט פֿון ווײ, אין אַ וועלט אין אַ צווייטער.
אָט ליגט שוין דער אָפּגרונט פֿאַר אונז אַ צעשפּרייטער.

מיר פֿליען אַראָפּ פֿון די וואָלקנס די שפּעטע
און פֿאַלן אַריין אין דער וואַרשעווער געטאָ.
ווער גייט דאָ? ווער אָטעמט? ווער טרעט דאָ? ווער רעדט דאָ?
מיר זיינען אין אָפּגרונט. מיר זיינען אין געטאָ.

נאָר וואו איז דאָס יינגל מיין גוטער באַגלייטער?
איך שפּיר ניט זיין אָטעם, איך הער ניט זיין קולכל.

אַן איינזאַמער בלייב איך. וואו איז ער? וואו שטייט ער,
ביי וואָס פֿאַר אַ טויער אין געסל אין וועלכן?
איך בלאָנקע און רוף אים. איך ווייס ניט זיין נאָמען.
אַ ווידער־קול ענטפֿערט פֿון חורבות מיט שטיינער,
פֿון חרובע הויפֿן, פֿון ליידיקע קראָמען,

פֿון ווענט מיט פּידאַשקעס, ווי סטאַרטשנדע ביינער,
פֿון אַלטן בית־המדרש, וואָס ליגט ווי אַ טויטער,
פֿון וויגלעך, וואָס וויגן אַליין זיך אין אומעט.
פֿאַרביי פֿליען פֿעדערן ווייסע און רויטע,
פֿאַרביי בלאַנקען שאָטנס צעהוידעטע, שטומע,
נאָר איינער ניטאָ איז. פֿאַרשוואונדן, אַנטרונען
דאָס וואַרשעווער ייִנגל. די שטערן זיך מיניען.
זיי ווייסן פֿון גאָרניט. זיי שײַנען ווי פֿריער
און גיסן די שײַן אויף די ראַנדן פֿון תּליות.
דער ווינט ווייסט פֿון גאָרניט. ווי נעכטן ער וויִם דאָ
דער אומגליק האָט אים מיט זײַן שוואונג ניט צעשיידט דאָ,
ער טראָגט זיך אַרום איבער געסלעך און שטיבער,
ער שפּילט זיך מיט פֿעדערן לופּטיקע, גרינגע,
זיי פֿליען צו קבֿרים, צו בערגלעך, צו גריבער
אויף לייגן זיך אונטער די קעפּ די געטויטע,
די נאָך ניט באַערדיקטע קעפּ פֿון די קדושים.

איך זוך אַלץ דאָס ייִנגל, מײַן גוטן באַגלייטער,
איך זוך צווישן שאָטנס אין וואַרשעווער חושך,
אומזיסט איז מײַן זוכן, עס ענטפֿערט דער ווינט מיר
אויף קבֿרים, אויף אַשיקע בערג ער געפֿינט מיך.

דער ווינט קאָן ניט רוען. אָט איז ער אין סאַד דאָ,
ער קלאַפּט אין די קאַנטן פֿון שויבן צעזעצטע.
ער נישטערט אַ בלאַט פֿון אַן אַלטער הגדה
מיט אַש אַ באַזוימטע, אין בלוט אַ צענעצטע.

אַ שטיק ספר תורה ער פּרואווט זיך אַ טראָג טאָן,
נאָר ס׳ווערט זיך דער פּאַרמעט און בלייבט אויף דער ערד דאָ
און ס׳ווייט פֿון געלעסטערטע אותיות מיט ווערדע,
מיט ווערטער געזאָגט, און נאָך ניט דערזאָגטע.
אַ וויגל אַ ליידיקס ער פּרואווט זיך פֿאַרוויגן,
ער וויגט עס און ברומט זיין קדמונישן ניגון,
וואָס ער האָט געברומט נאָך אין תוהו ובוהו,
ביים אָנהויב פֿון וועלט און ביים ראַנד פֿון בזיון.

די נאַכט רוקט זיך בייז ביי פֿאַרוויכערטע ווענט דאָ
און שטערן מיט שטערן אָן ווערטער זיך קריגן
און ס׳ווייינען בשכנות ביי הייזער פֿאַרברענטע
די שורות פֿון „בראשית״, דאָס בלוט און דאָס וויגל...

ניטאָ איז דאָס יינגל מיין גוטער באַגלייטער,
איך בין ניט קיין היגער אין געטאָ. די וועגן
איך ווייס ניט. איך בלאָנקע. ניטאָ וועמען פֿרעגן.
ווי קאָן איך גאָר זיין אין אַ וועלט אין אַ צווייטער
אַליין דאָ, אַ פֿרעמדער. ווי האָט ער געקאָנט דאָ
אַליין מיך פֿאַרלאָזן. איך בלאָנקע, איך פּלאָנטע,
איך רוף אים. איך רוף אים און ער איז ניטאָ מער.
איך וואָלט זיך צעיאָמערט, ווען ס׳העלפֿט מיר דער יאָמער;
איך וואָלט ווי אַ חיה אין וויסטע צעהוילט זיך,
ווען ס׳וואָלט מיר געהאָלפֿן. און איך האָב געשוויגן.
די נאַכט האָט מיט בראָך און מיט אומעט געקנוילט זיך
אין שורות פֿון „בראשית״, אין בלוט און אין וויגל.

איך וואַרט, אַז מיין מלאך זאָל ווידער זיך ווייזן,
מיר דוכט זיך, ניט ווייט, אין אַ חרובן הייזל,
איך זע אים דעם שאָטן, מיין העלן באַגלייטער,
מיר דוכט, אַז צו מיר פֿון דער פֿינצטערניש גייט ער,
מיר דוכט, אַז ער הויבט זיך פֿון בלוט און פֿון נעפּל,
עס שליסן זיך ביינער מיט ביינער צוזאַמען,
עס נעמען די לונגען די לופֿט אין זיך שעפּן,
און ס׳נעמען די ליפּן צו פֿליסטערן: מאַמע.
ס׳האָט אָדער צו אָדער גענומען זיך שליסן,
דאָס בלוט אין די אָדערן הויבט שוין אָן פֿליסן,
אַ הויט האָט די אָרעמע גלידער פֿאַרצויגן
און ס׳האָבן צוויי פֿונקען געגליט אין די אויגן.

איך לאָז זיך צו אים, נאָר אין נעפּל אַנטרינט ער.
וואו איז ער? וואו איז ער? איך זוך זיינע אויגן,
איך בין שוין די חרובע שטאָט דורכגעפֿלויגן,
דאָס יידישע פֿעלד און דעם פּוילישן צווינטער
און יאָג זיך אַלץ ווייטער. איך נישטער די וועגן.

אַט קומען מיר יידישע שטעטלעך אַנטקעגן,
זיי קוקן אויף מיר, ווי פֿאַרגליווערטע גולמס.
בית־עולמס, בית־עולמס, בית־עולמס, בית־עולמס,
איז זייער, איז מיינער, איז אונזער פֿאַרמעגן.
אַט קומען אַנטקעגן מיר דערפֿער אין פֿייער,
מיט ליידיקע כאַטעס, מיט ליידיקע שייטערס,
מיט קעלבער, וואָס לויפֿן אַליין צו דער שחיטה,

מיט ציגעלעך ווייסע צום פֿלאַם צוגעשמידטע.
אַט שווימען די פֿעלדער מיט ביינער פֿאַרזייטע,
מיט איינזאַמע זאַנגען אויף בלוטיקע וועגן.
אַט גייען די פֿעלדער געדיכטע און ברייטע
און טראָגן מיר חרובֿע נעסטן אַנטקעגן
און טראָגן אַנטקעגן מיר ביימער און שטאַנגען,
מיט שטריק, ווי די רינגען אויף נאַקעטע צווייגן,
מען הערט ניט קיין רויש דאָ, קיין פֿויגל-געזאַנגען,
עס זינקען פֿאַרסמאַליעטע וועלדער אין שווייגן
און זעלטן דערהערט מען: אַ האַק גיט אַ בויטע
די נאַכט די געדיכטע, די שטילקייט די טויטע,
אַ האַק גיט אַן אוראַלטע יאָדלע אַ שפּאַלט דאָ,
אַ בוים טוט אַ קרעכץ און אַ סקריפּ און אַ פֿאַל דאָ.
און זעלטן דערהערט מען אַ שאָרך פֿון אַ חיה,
וואָס טאַפּט מיט די לאַפּעס די סטעזשקעס די נייע
און זוכט דאָ אַ נאָרע אויף קאָנען באַהאַלטן
אַ קינדעריש העמדל, אַ שטוויל אַן אַלטן,
וואָס זי האָט געבראַכט פֿון דער געטאָ צו שלעפּן.
דורך ווילדקייט, דורך שטילקייט, דורך וואַלדישן נעפּל
דערהערן אויך אוראַלטע ביימער מיט שטוינונג
אַ קלונג פֿון אַ מעסער, אַ שאָס פֿון אַ ברוינינג.

איך לויף און די פֿיס ווערן מידער און מידער,
אַ בלייערנע מידקייט פֿילט אָן מיינע גלידער,
איך פֿאַל אויפֿן גראָז אויפֿן פֿייכטן און פֿרישן,

אַ צווייַג איז מיין קאָלדרע, אַ פּניאַק איז מיין קישן.
און ווי נאָר איך שליס די פאַרמאַטערטע אויגן,
קומט ווידער דאָס ייִנגל פון הויך ווי אַ פויגל,
געוואָרט כ'האָב פון לאַנג ער זאָל פליגל מיר ברענגען,
די פליגל געלאָזט אויף אַ צווייַג האָט ער הענגען.
ס'איז גאָר ניט קיין פליגל דורך דורות פאַרגעטערט,
ס'איז הענגען געבליבן אויף גרינעם געבלעטער
אַ בלוט־רויטער מאַנטל מיט פאַלדן מיט ברייטע.
ס'איז גאָר ניט קיין מאַנטל. אַ פאָן האָט געווייט דאָ.

— שטיי אויף, — האָט דאָס ייִנגל מיר ווידער באַפוילן, —
שטיי אויף, לאָמיר פליען צו קברים פון פוילן.
ער האָט מיך אין געטאָ געפירט ווי אַ בלינדן,
געקומען אין געטאָ און ווידער פאַרשוואונדן.

כ'בין ווידער אַליין אין דער הויפּט־שטאָט פון פוילן.
וואו זיינען די גאַסן? וואו זיינען די שטיבער?
צעהרגעט, צעאַקערט דורך באָמבעס און קוילן.
זיך וואַלגערט די חרובע שטאָט איבער גריבער,
אין אַש ליגט איר חרובע שיינקייט צעטראָטן.
עס טליען די גאַסן נאָך ווי האַלאַוועשקעס,
עס בלאַנקען אויף קברים פאַרלוירענע שאָטנס
און ס'זוכן די ראָבן צו קברים די סטעזשקעס.

עס שטייען ווי צאָמען די נאַקעטע ווענט שוין,
עס שטומען די געסלעך אין חשכות פאַרזונקען.
רבונו של עולם! אָט דאָ האָבן מענטשן
געלעבט און געאַרבעט, געוויינט און געזונגען!

ה.

רבונו של עולם! אָט דאָ האָבן מענטשן
געלעבט און געאַרבעט, געוויינט און געזונגען,
דאָ פֿלעגן זיי שעלטן, דאָ פֿלעגן זיי בענטשן,
דאָ האָבן זיך סוחרים מיט קונים געדונגען,
דאָ האָט מען געשטריקט און געטאַנצט און געשריגן,
דאָ האָט מען די קינדער געוויגט אין די וויגן,
דאָ האָבן זיך קינדער צו מאַמעס געטוליעט,
דאָ האָט מען אויף חתונות גרויסע געהוליעט,
מען פֿלעגט אויף לוויות דאָ טרערן פֿאַרגיסן
און ווידער פֿון ניכטערן לעבן געניסן.
דאָ האָט מען געניט און געקלאַפּט און געטעפּעט,
דאָ האָט מען געהאַט סיי דעם יאָך, סיי דעם נחת
פֿון שטייגן מיט ווייטיק, פֿון פֿאַלן מיט חסד,
פֿון לעבן דער פֿײַנטלעכער וועלט אויף להכעיס.

רבונו של עולם! אָט דאָ האָבן יידן
דעם גאָלדנעם פֿאָדים פֿון דורות געצויגן,
די גאָלדענע קייט פֿלעגן יידן דאָ שמידן,
די גאָלדענע פּאַווע מיט מיידלשע אויגן

האָט דאָ זי אַ נעסט אין די סעדער געשאַפֿן.
דער אייביקער טרוים האָט געהאַט דאָ אַ האַפֿן.

די נעסט איז אין פֿייער פֿון הויכן געפֿאַלן,
דער גאָלדענער פֿאָדים איז הענגען געבליבן
אויף זוניקע, ווייטע צעשאָסענע שטראַלן.
דער טרוים לעבט אין וואַלד אין אַן ערדיקן שטיבל,
און וואו איז די פּאווע — קאָן קיינער ניט זאָגן.
אויף וואַרשעווער גאַסן געבליבן איז קיינער,
וואָס זאָל כאָטש איר היימלאָזע שיינקייט באַקלאָגן.
עס שוויגן די שוועלן, עס שטומען די שטיינער,
עס שטאַרבן דאָ ווערטער נאָך ניט קיין גערעדטע.
דאָס זיינען די גאַסן פֿון וואַרשעווער געטאָ.

מיר קוקן אַריין אין די היימישע פֿענצטער,
מיר זוכן פֿון לעבנס די שפּורן די קלענסטע,
מיר זוכן די פֿידלען מיט טרערן באַנעצטע,
מיט טרערן, מיט בלוט און פֿון ווייטיק געוועבטע,
מיר זוכן די יידישע שפּורן די לעצטע,
פֿון טרוימען געטרוימטע, פֿון לעבנס געלעבטע,
פֿון ליבעס געשפּילטע, פֿאַרשפּילטע, געפּלעטע...

מיר קוקן אַריין אין די הייזער פֿון געטאָ.
דאָ לעבט דער פֿאַרברעכן, דאָ וואוינט דער בזיון
אין היימען געשענדטע מיט פֿענצטער צעזעצטע,
דאָ שוועבט נאָך דער אַפּהילך פֿון שאָסן פֿון לעצטע,

דאָ הילכט נאָך דער לעצטער געשריי פֿון די פֿרויען
און ס׳ליגן דאָ רויבערשע לאַפּעס פֿאַרקרעצטע
אויף ציכטיקע קישנס. דאָ הערט מען נאָך קאָיען,
דאָ הערט מען נאָך בראָדיען אין אומעט פֿאַרבאָרגן
דעם לעצטן געשריי פֿון פֿאַרצוויגענעם גאָרגל...

עס שטייען די טישן געדעקטע, געגרייטע
מיט מילך און מיט האָניג, מיט קוילעטשן ברייטע,
אויף טעלער אויף רונדע מיט גאָלדענע צייכנס,
מיט „כשר לפּסח״ אויף זייערע ברעגן.
עס זיצט דאָ בײַ טישן דער רויבער און שמייכלט,
ווי אַלץ איז פֿאַרגרייט דאָ פֿון זיינעטוועגן.

ער קוקט אויף די טישן די גרויסע און שמייכלט,
ער קוקט אויף דער יידישער כוסה און שמייכלט,
ער קוקט אויף די ספֿרים אין לעדער און שמייכלט,
ער קוקט אויף די פֿינצטערע סעדער און שמייכלט.

עס שטייט אים דער טייוול זיין וועכטער צו־קאָפּנס,
דריי אייזערנע קרייצן אויף לאַצן זיך וויגן,
דריי גאָלדענע זייגערס אין טאַש זיינעם קלאַפּן,
אויף רויבערשע פֿינגער דריי סיגנעטן ליגן,
און ס׳שפּייזט די הנאה די צורה פֿון שינדער.
וואָס פֿעלט אים אַצינדער? וואָס פֿעלט זיי אַצינדער?

זיי דאַרפֿן איצט גאָרניט ניט, גאָרניט ניט קויפֿן.
דאָס גליק האָט זיי פּלוצים אין וואָגל געטראָפֿן.

זיי זיצן ביי אונזערע טישן און זויפֿן,
זיי ליגן אין אונזערע בעטן און פּאָפּן,
זיי קושן די זונות אין אונזערע הויפֿן,
אין אונזערע שטיוול אין קלויסטער זיי לויפֿן,
און הרובֿע זיי הייצן מיט אונזערע ספֿרים
און מייקענען שיכור אויף אונזערע קבֿרים,
זיי טראָגן פֿון אונזערע טאַטעס די העמדער,
זיי טראָגן די קליידלעך פֿון אונזערע שוועסטער,
דער ליילעך, וואָס ליגט אונטער זיי, איז אַ פֿרעמדער,
אַ יעטווידער פּאָדים אין אים איז געלעסטערט.

מיט זאַלץ פֿון די טרערן דאָס ברויט זיי באַזאַלצן,
פֿון אונזערע טרערן, פֿון אונזערע בראָכן,
די זון די געגנבֿטע וועגן באַשטראַלט זיי,
זיי טרעטן דעם אַש פֿון פֿאַרשרפֿעטע וואָכן,
זיי טרעטן אויף אונזערע אומגליקן, ווי מיר.
און אונזערע פּערל מתּנות זיי ברענגען
אויף אונזערע שטריק און אויף אונזערע בוימער.
מיר וועלן מיט אונזערע הענט זיי צעהענגען!

ז.

אויף אונזערע שטריק און אויף אונזערע בוימער
מיר וועלן מיט אונזערע הענט זיי צעהענגען.

צעוואַלגערטע נעסטן, פֿאַרשפּיגענע היימען,
פֿאַרבלוטיקטע שטעגלעך צו קברים זיך שלענגלען.
זאָל ווערן פֿאַרשאָלטן, פֿאַרשאָלטן זאָל ווערן
די שיין פֿון פֿרימאָרגן, וואָס האָט די גזלנים
די וועגן באַלויכטן, דער נאַכטיקער שטערן
פֿאַרשאָלטן זאָל ווערן. ער האָט די גזלנים
די וועגן באַלויכטן. פֿאַרשאָלטן זאָל ווערן
די לופֿט פֿונעם פֿרילינג, וואָס האָט די גזלנים
דעם אָטעם געפֿרישט און די לונגען צעבלאָזן
און פֿרישקייט געשאָנקען דעם רויבערשן פּנים.

מיר קוקן אַריין אין די סעדער פֿון געטאָ.
עס פּוקען זיך צווייגן, עס הויבן זיך גראָזן,
עס מיניען זיך בלימלעך, עס שפּרייטן זיך בלעטער.
פֿאַרוואָס ווערט ניט ביטער די זאַפֿט פֿון די פּרות?
זיי וואַקסן פֿון דר'ערד און די ערד איז דאָך ביטער,
פֿאַרוואָס שווייגט דער הימל אין גרויל? נעכט פֿון גזירות,

פֿאַרוואָס טוט די ערלעכע ערד ניט קיין ציטער
און וואַרפֿט ניט אַראָפּ אירע אויסוואורפֿן אַלע,
וואָס האָבן געזינדיקט אויף פּלעצער פֿון שחיטה
מיט נאָך ניט געזינדיקטע ליפּן פֿון כלות?
פֿאַרוואָס לויפֿט דער דונער פֿאַרביי מיט זיין קנאַלן
און טרעפֿט ניט די קוילערס ביי זייערע סעודות?
פֿאַרוואָס זאָלן בליצן אויף קוילערס ניט פֿאַלן
און שפּליטערן די קעפּ פֿון די קוילערס ווי הרודעס?

פֿאַרוואָס זיינען פּרות ניט גיפֿטיק ווי שנאה,
פֿאַרוואָס זיינען גראָזן ניט רויטע, נאָר גרינע?

ז.

פֿאַרוואָס זיינען פּרות ניט גיפֿטיק ווי שנאה,
פֿאַרוואָס זיינען גראָזן ניט רויטע, נאָר גרינע?

דער הימל איז רויט שוין פֿון ערדישע פֿלאַמען,
און רויט איז די ערד שוין פֿון בלוט און פֿון בושה,
און רויט איז דער שוים אויף צעשויבערטע ימען,
וואָס האָבן ווי מענטשן פֿאַרלאָרן די רו שוין.
און רויט זיינען אויגן ביי אונזערע פֿרויען,
פֿון בלוט זיינען רויט שוין אַפֿילו די טויען,
אַפֿילו די רעגנס, וואָס פֿאַלן אויף פּלעינען,
און רויט זיינען אויגן ביי אונזערע פֿרויען,
וואָס שטומען און קאָנען דעם בראָך ניט באַוויינען.
מען דאַרף ניט קיין טרערן. פֿון טרערן ווערט גרינגער.
זאָל שווער זיין, ווי שווער איז די לופֿט אין אַ באַינע.
זאָל שווער זיין דער בליי, וועלכער לויפֿט פֿון די פֿינגער
אין נעסטן פֿון ביקסן, וואָס צילן אין שונא.
זאָל שווער זיין די קללה, וואָס פֿאַלט אויף די שונאים.
זאָל שווער זיין דער פֿויסט, וואָס צעפּלעט די באַצווינגער.
זאָל שטאָלץ זיין, זאָל שטאַרק זיין ביים יתום דאָס פּנים.
מען דאַרף ניט קיין טרערן. פֿון טרערן ווערט גרינגער.

מיין אור-זיידע וואָלט די מלבושים צעריסן,
מיט אַש זיינע קרויזן באַקרוינט וואָלט מיין זיידע,
און איך האָב געירשנט דעם ריינעם געוויסן,
דעם אַש און דעם טרויער פֿון ביידע, פֿון ביידע.
מיין אור-זיידע וואָלט אויף די שייטערס געצאַרנט,
אַ שווערד אין די הענט וואָלט גענומען מיין זיידע.
און איך האָב געירשנט דורך טויזנטער יאָרן
די שווערד און דעם צאָרן פֿון ביידע. פֿון ביידע.

אַזאַ דער געבאָט איז, אַזאַ איז דער גורל —
צו שטאַרבן אויף נאָכאַמאָל ווערן געבוירן.

ח.

אזא דער געבאָט איז, אזא איז דער גורל
צו שטאַרבן אויף נאָכאַמאָל ווערן געבוירן.

דער לעצטער געבורט נאָכן טויט איז נאָך העכער,
דאָס לעבן, וואָס ברויזט שוין ניט אונטער קיין דעכער
און האָט זיך צעשיידט מיט דער ערד מיט דער הארבער,
איז לענגער פֿון דעם, וואָס פֿאַרגייט, עס פֿאַרגייט ניט.
ער שרעקן שוין מער ניט די נעגל פֿון שפּאַרבער,
דאָס זיידענע וואָרקען פֿון טייבעלע פֿרייט ניט.
איז וואָס? ס'איז פֿון מענטשלעכן אויג ניט באַהאַלטן
דאָס לעבן, וואָס קומט נאָכן קבר דעם קאַלטן,
וואָס רום איז זיין היים און די זונשיין זיין טרוים איז,
דאָס לעבן, וואָס לעבט שוין אין פֿרעמדע חלומות,
דאָס לעבן, וואָס איז שוין אַ פֿאָדים געוואָרן
און ווערט ניט צעריסן אין שטורעם פֿון יאָרן,
דאָס לעבן, וואָס פֿלאַטערט אין זאַנגען פֿון רעגן,
אין זייד פֿון די פֿאָנען, אין שאָטנס אויף וועגן...

איך זע זיי די שאָטנס. זיי קומען פֿון היילן,
זיי קומען דעם אומגליק פֿון געטאָ דערציילן,

זיי קומען מיט זייערע טרוימען זיך טיילן,
זיי קומען דעם וואונדער פֿון געטאָ דערציילן.

און ווערטער מיט ווערטער אין טונקל זיך קניפּן,
איך הער יענע ווערטער אין הויך און אין נידער,
זיי פֿאַלן צו מיר אויף די אַקסל ווי ברידער
מיט נאַכט אויף די אויגן , מיט אַש אויף די ליפּן.

אַזוי איז דער אָנהויב פֿון נייער הגדה:
געווען איז אַ וועלט דאָ, געלעבט האָט אַ שטאָט דאָ...
דער פּסח איז אַקאָרשט די שוועלן אַריבער,
אַ לינדער אַפּריל האָט אין סעדער געשפּרייט זיך
און ס׳האָבן די פֿויגלען און גראָזן געפֿרייט זיך,
וואָס ס׳קומט שוין, ווי שטענדיק, דער פֿרילינג דער ליבער.
ווי שטענדיק האָט וואַרשע געריכטעט דעם סדר,
עס זיינען משפּחות ביי טישן געזעסן,
די זין און די טעכטער פֿון וואַרשעווער עדה —
געשלונגען חרוסת און מרור געגעסן,
ניט זיס איז געווען דער חרוסת אַצינדער
און ביטערער איז נאָך געווען דאָ דער מרור;
מיט שרעק אינם בליק האָבן יידישע קינדער
געקוקט אויף דער נאַכט דער צעשיינטער און קלאָרער.
די טאַטעס די קלוגע אין קיטלען אין ווייסע,
אין קרוינען אין שוואַרצע אויף טראָגנען געבעטע,
די אָרעמע יידן — די מלכים פֿון געטאָ
דערציילט האָבן ווידער די אוראַלטע מעשה

דעם ליכטיקן נס פֿון יציאת מצרים.
און יידישע מלכּהס אין קליידער אין נייע
געשוועבט האָבן גרינגע פֿון טישן — צו טישן,
געשוועבט האָט אין טונקל אַן אוראַלטער סוד דאָ
און ס'זיינען די ווערטער פֿון אַלטער הגדה
געפֿאַלן פֿאַרוואָונדעט אויף ציכטיקע קישנס.

— „עבדים היינו" האָט ווידער געקלונגען,
מיר האָבן דאָס ברויט פֿון דער קנעכטשאַפֿט געשלונגען! —
„עבדים היינו" — די צייט איז פֿאַרגאַנגען,
„עבדים היינו" — און איצטער, און איצטער...
אין הימל אין הויכן די זילבערנע שלאַנגען
באַווייזן זיך בלינדע פּראָזשעקטאָרס צעבליצטע
און זוכן און טאַפּן אין פֿינצטער דעם גורל,
וואָס האָט זיך אַליין צווישן שטערן פֿאַרלוירן.

— „עבדים היינו" — מיר האָבן די פֿרייהייט
געקויפֿט ניט פֿאַר גאָלד, נאָר פֿאַר ליידן און טרויער.
אין הייזער איז טונקל. ס'ווערט גרויער און גרויער
דער אָוונט, — דאָס האָט ווי אַ וואָלף זיך פֿאַרטאַיעט
לעבן שוועל פֿון דער געטאָ, דעם פֿינצטערן טויער,
און הערט שוין דעם שאָרך פֿון פֿאַרבאָרגענע רייטערס
און זעט שוין די צונגען פֿון קינפֿטיקע שייטערס.

וועט קומען אַ רעטער? וועט קומען אַ טרייסטער?
און אויב עס וועט קומען אַ נביא, ווי הייסט ער?

## ט.

ווען קומען אַ רעטער? ווען קומען אַ טרייסטער?
און אויב עס ווען קומען אַ נביא, ווי הייסט ער?
און אויב עס ווען קומען אַ רעטער, וואָס וואַרט ער?
עס קוקן די מלכּהס מיט אויגן מיט צאַרטע,
די מלכים פֿון געטאָ דערציילן מיט ציטער
ווי ס׳האָבן געוויינט און געפּרייט זיך די זיידעס,
די יידישע אותיות זיינען די עדות
פֿון רגעס, וואָס האָבן די דורות דערשיטערט,
און ס׳שוועבן פֿאַר אויגן מיט אומרו מיט נייעס
די בלוטיקע טייכן אין אַלטן מצרים.
און ס׳דוכט זיך — דער היישעריק טראָגט זיך פֿאַרביי דאָ,
און ס׳דוכט זיך — עס קוואַקען די פֿרעש שוין ניט ווייט דאָ...

עס שטייען די כוסות צעשוימטע און פֿולע.
ווען קומען בקרוב אַהער די גאולה?
עס זיינען די טונקעלע טירן שוין אָפֿן.
ווען קומען דער נביא? ווען קומען דער רעטער?
פֿון וואַנען ווען קומען די הילף אין דער געטאָ?
פֿון מזרח? פֿון מערב? פֿון דרום? פֿון צפֿון?

מען זאָגט „שפוך המתך״. אין ציכטיקע ווינקלען,
וואו דער אפיקומן איז אָקאָרשט געלעגן,
גראַנאַטעס און קוילן באַהאַלטענע פינקלען
און ס׳פינקלט דער פחד אויף קרעציקע וועגן.

עס זיינען די טונקעלע טירן שוין אָפן,
נאָר ס׳קומט ניט דער נביא, עס קומט ניט דער רעטער
און ס׳שווייגט אינם הימל דער גאָט פון די געטער.

וואָס איז פאַר אַ רייטער די גאַס דורכגעלאָפן,
די גאַס פון דער געטאָ? די שרעקלעכע בשורה
איז גלייך מיטן שאָס מיטן ערשטן געקומען
צום סדר צום ערשטן. זי האָט ווי אַ שטורעם
ביי אָפענע טירן די שוועלן פאַרנומען,
אַרויף אויף די טישן, אַריין אין די אויגן
און טיף אין די הערצער מיט מוט זיך פאַרזויגן.

מ׳האָט לאַנג שוין פאַרענדיקט „עבדים היינו״,
מ׳האָט לאַנג שוין פאַרענדיקט, מען האַלט שוין ביי „הודו״,
מען קאָן שוין איצט קיינעם אין שטוב ניט געפינען,
עס הילכן די ווענט און די הימלען זיך הוידען.
און די וועלכע האָבן געחוזקט, געשפעט דאָ,
פאַרגוואַלדיקט, געהרגעט, באַצאָלן איצט טייער.
מען שיסט אין דער געטאָ און ס׳ענטפערט די געטאָ,
אויף שנאה מיט שנאה, אויף פייער מיט פייער.

.י

מען שיסט אין דער געטאָ און ס׳ענטפֿערט די געטאָ
אויף שנאה מיט שנאה, אויף פֿייער מיט פֿייער.
עס האָבן זיך ביקסן מיט ביקסן צערעדט דאָ,
געשוימט האָט די געטאָ מיט שריפֿות מיט נייע.

זיי זיינען געקומען ווי סטעפּישע הארדעס
מיט גיפֿט אין די אויגן, מיט טייוולשע מאָרדעס,
ווי רויבער, וואָס קומען נאָך פֿרעמדע פֿאַרמעגן
און זיינען געפֿאַלן ווי קרויט־קעפּ צעבראָקטע,
ווי שטשורעס פֿאַרסמטע, ווי האָזן פֿאַריאָגטע,
ווי פֿאַדלע, וואָס סמט אָפּ די לופֿט אויף די וועגן.

זיי זיינען געקומען ווי אַלטע גזלנים
צום סדר צום ערשטן אויף ווידער דערמאָנען —
„עבֿדים היינו״... נאָר מ׳האָט זיי באַגעגנט
מיט בליצן און דונערס, מיט בליי האָט גערעגנט
אין וואַרשעווער געטאָ. די בלאַסע קיסרים
אין קיטלען אין ווייסע, די מלכהם די שלאַנקע
אין הויכע פֿאַריקן, סיי רייך און סיי אָרים,
מען האָט זיך געוואָרפֿן אויף ריזיקע טאַנקען

מיט לײדיקע הענט און מיט אײזערנעם צאָרן,
און ײנגלעך, װאָס זײנען בר־מצוה געװאָרן
און האָבן געפֿרעגט בײ די טאַטעס די קשיות
דעם זעלביקן אָװנט, פֿון אַלקערלעך שטילע,
זײ האָבן געטראָגן אין זעקלעך פֿון תּפֿילין
דעם טױט פֿאַר די שונאים, מיט פֿלאַמען געװאַשן
זײ האָבן די גאַסן, מיט שריפֿות געאַקערט
די װילדע חײלות, װאָס האָבן געהוליעט
אין בריסל, אין ניצע, אין פּראַג און אין קראָקע.
עס האָבן די דײטשע טאַנקען געפֿלאַקערט
װי ס׳פֿלאַקערן טרוקענע װעלדער אין יולי.
זײ האָבן געמײנט, אַז זײ לױפֿן נאָך האָזן,
נאָך אַלטע באַזיגטע, פֿאַרקנעכטעטע שבטים,
נאָר דאָ האָבן װינטן פֿון צפֿון געבלאָזן,
מיט נעכט סטאַלינגראַדער האָט הײם דאָ געאָטעמט...
װוּאו נאָר אַ שטוב איז אַ פֿעסטונג געװאָרן,
װוּאו נאָר אַ פֿענצטער געזועצט האָט מיט צאָרן,
מיט פֿלאַמען געזועצט האָט פֿון יעטװידן װינקל,
אויף יעטװידן טראָט האָבן מעסערס געפֿינקלט...
מיט בלײ און מיט טױט האָט צעטענהט די װעלט זיך,
עס האָבן זיך יונגען אויף דעכער געשטעלט זיך
און ס׳האָבן פֿון דעכער זיך קוילן געשאָטן
און ס׳האָבן אין שריפֿות זיך שונאים געבראָטן,
ס׳איז יעטװידער קוימען אַ שוץ־גרוב געװאָרן,

און יעטווידער הויף האָט געשפּיגן מיט צאָרן.
און ווער ס'האָט קיין ביקס אין דער האַנט ניט געהאַלטן
האָט פֿייער געשפּריצט אין די שוואַרצע פֿאַבריקן,
פֿון טויט האָט זיך קיינער שוין מער ניט באַהאַלטן
און ווער ס'האָט קיין מעסער אין האַנט ניט געהאַלטן
האָט נעגל געהאַט אויף צו וואַרגן און שטיקן,
ס'איז קיינער ביי זיך אינדערהיים ניט געבליבן.
וואו נאָר אַ בוידעם, וואו נאָר אַ שטיבל
אין וואַרשעווער געטאָ אין הויפּט שטאָט פֿון פּוילן
האָט מער ניט געוואָלט שוין קיין קנעכטשאַפֿט קיין שטילע,
דאָ האָבן די גרייז-גרויע זקנים אַפֿילו
געשיקט אין די שונאים פֿאַרגיפֿטעטע קוילן
און זיינען געפֿאַלן מיט פֿלוך און מיט תּפֿילה.
עס האָט „שפֿוך חמתך" דער ווינט שוין געזאָגט איצט
און ס'האָבן שוין בלוטיקע טייכן געיאָגט איצט
און ס'האָבן זיך שטערן, ווי אויגן צעוויינט זיך,
און ס'האָבן הגדות אַליין שוין געלייענט זיך...

ווי ביטער די פּיין איז פֿון קראַנק און פֿון שוואַך זיין,
אַזוי איז זי זים אונזער קראַפֿט פֿון פֿאַראַכטן,
ווי ביטער, ווי פּיינלעך איז שטויב אויף אַ שליאַך זיין
פֿון אַלע געטראָטן אין פֿרי, אין פֿאַרנאַכטן,
ווי ביטער איז לעבן ווי קנעכט און זיך בויגן,
הכנעהדיק טראָגן די פּלייצעס געבויגן —
אַזוי איז ער הייליק דער אומקום אין שלאַכטן...

עס פֿאַלן די שטאָלענע חיות צעשמעטערט,
פֿון רויך און פֿון ווייטיק דער הימל איז גרוי שוין,

עס שיסן די העלדן פֿון וואַרשעווער געטאָ,
וואָס שטייען ביז קני אין דעם בלוט פֿון די קדושים.

יא.

עס שיסן די העלדן פֿון וואַרשעווער געטאָ,
וואָס שטייען ביז קני אין דעם בלוט פֿון די קדושים,
עס פֿאַלן די קוימענס ווי ליידיקע קוישן
און חורבות אויף חורבות — צעדרויבט און צעשמעטערט
אין וואַלגער זיך לייגן אויף בערגיקע וועגן
און ס'שטורעמט פֿון שטויב און פֿון שטיינער — אַ רעגן.

און הויך איבער חורבות און הויך איבער דעכער
די פֿאָן פֿון דער געטאָ אין פֿייערן פֿלאַטערט,
אַ פֿיינטלעכע קויל האָט זי דריי מאָל געלעכערט,
נאָר זי האָט איר מוט און איר חן ניט צעפּטרט
אין טעג פֿון נסיונות. זי פֿלאַמט אין די הויכן,
דער ווײַ האָט איר נעכטיקן שטאָלץ ניט געבראָכן,
זי היט אירע וואונדן, ווי אייביקע צייכנס,
ווי צייכנס פֿון אומקום, פֿון צער און נצחון,
זי פֿלאַטערט מיט רום פֿון די זיידעס און טאַטעס,
מיט גבורה פֿון זין און מיט זויבער פֿון טעכטער.

דריי וואונדן שוין בריען דאָס לייב פֿונם וועכטער,
וואָס נעמט ניט אַראָפּ פֿון דער פֿאָן זיינע אויגן,

אים האָבן דריי וואונדן צו דר׳ערד שוין געבויגן,
נאָר ער שטייט ווי פֿריער אַ שטאָלצער, אַ שלאַנקער,
ער שטייט ווי אַ פֿעסטונג, וואָס ווייסט ניט קיין וואַקל,
ער שטייט ווי אַ שיף אויף אַ מעכטיקן אַנקער,
ער שטייט ווי אַ שלאַכטמאַן — די פֿאָן איז זיין פֿאַקל,
ער ציילט ניט דעם טראָט פֿון די לאַנגע מעת-לעתן,
ער האָט שוין דעם טעם פֿון אַ דרעמל פֿאַרגעסן,
צוויי טעג זיינען שיכור פֿון דעמאָלט אַנטלאָפֿן,
ווען ס׳האָט אים די מאַמע געבראַכט עפּעס עסן...
האָט אפֿשר אַ קויל שוין די מאַמע געטראָפֿן?
צוויי טעג, אַז ער זעט ניט דעם טאַטן אין געסל,
עס קומט ניט דער טאַטע, עס קומט ניט די מאַמע,
דער אומגליק האָטביידע געפּאַקט שוין מסתמא...

איצט שטייט ער אַליין אויפֿן הויכן באַלקאָן דאָ,
ער שטייט, ווייל עס האָט אים די עדה געהייסן,
עס קומען שוין מער ניט די שוועסטער די בלאָנדע,
די ברידערלעך קומען שוין מער ניט. זיי ווייסן,
זיי ווייסן אַוודאי וואו ער געפֿינט זיך,
זיי פֿלעגן דאָך קומען מיט פֿריילעכע בשורות,
איצט שטייט ער אַליין דאָ פֿאַרגרויט און פֿאַרפֿינצטערט,
פֿון לוסטיקן קונדס געבליבן קיין שפּור איז.
ווער קאָן עס דאָס וואַרשעווער יינגל דערקענען,
עס זיינען שוין גרוי זיינע יינגלשע לאָקן,
צעאַקערט זיין שטערן איז ווי ביי אַ זקן

און נאָר זיינע אויגן אין פֿינצטערניש ברענען,
די אויערן הערן דאָס פּייפֿן פֿון קוילן,
דעם יאָמער, וואָס טראָגט זיך אַרום איבער פּוילן,
די אויערן הערן נאָר קרעכצן, וואָס רייצן
און בריען און פֿאַלן אויף חורבות דערוואָרגן.
די אויערן הערן נאָר שאָסן, וואָס קרייצן
דעם טונקל פֿון אָוונט, די בלוי פֿון פֿרימאָרגן,
די טאַטעס מיט קינדערשע אויגן מיט מידע,
די זין וועלכע פֿאַלן אויף גאַסן אָן ווידוי.
זיי שיסן, זיי לעבן, זיי שטאַרבן, זיי שיסן,
מען רייסט ניט קיין קריעה, מען זעט ניט קיין טרערן,
אין טרוקענע אויגן דער אָפּשיין פֿון שטערן
און ס׳פֿאַלן די ביימער אויף שטיקער צעריסן...

מען זיצט ניט קיין שבעה, מען מאַכט ניט קיין תּענית,
דאָס קול פֿון די ביקסן — דאָס איינציקע קול איז
אין וואַרשעווער געטאָ. נאָר וואָלקנס אין הימל
און רויכן אויף ערדן זיך לאָזן אין גלות.
אויס גלות! אויס געטאָ! אויס שאַנד און אויס שימל!

עס שיסן די געסלעך, די גערטענער שיסן,
עס שיסן די טישן, די בענק און די דילן
און ריקעס פֿון גאַסן צו גאַסן שוין פֿליסן
און ס׳מאָלן דאָס ברויט פֿון מלחמה די מילן...

אַמאָליקע צייטן אין שלאַכט קעגן שונא
פֿלעגט אימיצער פּרוּוון זיין לעבן נאָך שוינען,

אמאָל פֿלעגט אין הערצער נאָך קומען די מורא,
אמאָל פֿלעגט דער פּחד זיך שפּיגלען אין אויגן,
דער טויט פֿלעגט די שרעק אין די הערצער געבוירן.
און ס׳פֿלעגט די הכנעה די מוטיקייט וואויגן...

ניטאָ אזאַ שרעק, וואָס זאָל שלאַבעריק מאַכן
דאָס הארץ און די האַנט פֿונם וואַרשעווער ייִנגל,
ווען ס׳פֿליען אין אָפּגרונט אַפֿילו די שליאַכן
וואָלט ער דאָ געבליבן. ס׳קאָן גאָרניט אים צווינגען
אָט דאָ מיטן אוצר דעם גרעסטן זיך פֿירן,
ער שטייט ווי אַ דענקמאָל פֿון שטיין אַ געטאָקטער,
די שטאָלץ און דעם ווײַ פֿון אַ דור איצטער טראָגט ער,
דער וואַרשעווער יונג מיטן קאָפּ פֿון אַ זיידן.

ער שטייט ווי אַ דענקמאָל און קוקט אין דעם מאָרגן,
וואָס ליגט נאָך אין חשכות פֿון צײַטן פֿאַרבאָרגן.

## יב.

ער שטייט ווי אַ דענקמאָל און קוקט אין דעם מאָרגן,
וואָס ליגט נאָך אין חשכות פֿון צייטן פֿאַרבאָרגן,

מיט נעפּלען באַלאַגערט, מיט ספֿקות פֿאַרלאָפֿן.
געבענטשט איז דאָס מענטשלעכע אויג, ווען ס'איז אָפֿן
און זעט אין דעם שווינדל פֿון קאָכיקע שעהן
דאָס רואיקע שווימען פֿון שפּעטערע יאָרן,
וואָס זעט דורך די פֿליגל פֿון נאַכטישע קראָען
די פּאַסיקלעך הימל, וואָס נעמען שוין קלאָרן,
געבענטשט איז דאָס מענטשלעכע אויג, ווען ס'איז אָפֿן
און זעט אויך די צייטן, וואָס זיינען אַנטלאָפֿן,
עס בלאָנדזשעט דאָס אויג איבער וויסטעס פֿון צייטן,
עס בלאָנדזשעט דורך לענדער און דורך אָקעאַנען,
דורך נעכטיקע, אַלטע, געדעכטיקטע שטרייטן,
דורך בערג מיט בזיון, דורך טויטע וואולקאַנען,
דורך געטאָס דורך אַלע, וואָס פֿלעגן מיט קייטן
אַ דור נאָך אַ דור צו דעם קבר באַגלייטן.

מען שיסט פֿון דער געטאָ, דורך צענדליקער דורות
עס האָבן די געטאָס אין אָפּגרונט געזונקען,

געאָטעמט מיט פּחד, געטראָגן די מוראס
אויף הויקערס, אויף שווערע, געבאָוועט די פּונקען,
די פּונקען פּון אַלטע, פּון אוראַלטע שלאַכטן,
די פּונקען, וואָס זיינען אַלץ רייפער געוואָרן,
און האָבן ווי ליכט אין די פּריטיק־פּאַרנאַכטן
געברענט און געלאָשן זיך, זינדיקע יאָרן!

אַזוי זיינען געטאָס פאַרחלומט געלעגן,
פאַרשליידערט פּון ברייטע, פּון ליכטיקע וועגן,
ווי ערגעץ אויף טייכן פאַרבלאָנדזשעטע פליטן,
אַזוי זיינען געטאָס פאַרנעפּלט געלעגן.
עס פלעגן די וועלף אין זיי שאַרפן די נעגל,
דער טויט פלעגט זיי פּיעסטען, די נאַכט פלעגט זיי היטן.

די שאַנד איז אין פרילינגס געווען זייער רעגן.
די שאַנד האָט אין ווינטערס דעם שניי זיי פאַרביטן.

אַמאָל נאָך פלעגט קומען אַ בליץ אָן אַ דונער,
אַמאָל נאָך פלעגט קומען אַ שטראַל אָן דער זון נאָר,
אַ שטראַל פלעגט אַ בליץ טאָן אין חושך אין בלינדן.
אַמאָל נאָך פלעגט פינקלען אַ שווערד, נאָר אָן שאַרפן,
אַמאָל נאָך פלעגט קומען אַ ריז און זיך וואַרפן
אין תהומען פון דורות אויף שוין ניט פאַרשווינדן,
אַ דימענטן־שלייפער פון האָלאַנד פון ווייטן,
פון רהיין אַ באַנקיר מיט אַ ליידיקן בייטל;
פון פינצטערן קעלער פלעגט קומען אַ גאון,

א לויכט טאָן און פֿאַלן אויף שפּייז פֿאַר די קראָען,
א בעטלער מיט קלאָרע נביאישע אויגן,
א קנעכט, וואָס האָט קיינמאָל זיין קאָפּ ניט געבויגן,
א פּאַסטוך — א זינגער פֿון ליבע און צאָרן,
א שלעפּער, וואָס איז א משיח געוואָרן,
א יידישער גזלן — א קבצן, אַן עושר
אין וועלדער פּאָליעסער. אין נעסטן פֿון חושך
איז לויטער געוואָרן פֿון ליכט און פֿון גבורה
און ווייט האָט די ליכט איבער לענדער געשפּרייט זיך,
נאָר ס׳האָט מיט די גופֿים די גבורה געשיידט זיך
און גיך האָט די געטאָ די אויגן פֿאַרזשמורעט
און ווידער געקניט פֿאַר דער אַלטער פּרינצעסין —
דער נויט — דער פֿאַרשאָלטענער בייטש פֿון די יאָרן,
און ווידער געשלונגען פֿוןליידן דעם צאָרן,
און ווידער דאָס ברויט פֿון הכנעה געגעסן.

מען שיסט פֿון דער געטאָ. און ס׳טראָגן זיך פֿלאַמען
ווי בשורות פֿון אומקום, פֿון טויט און פֿון וואונדער.
עס טראָגן זיך פֿלאַמען דורך דורות באַוואונדערט,
ווי שטאָלצע שליחים אין בלוט־רויטן סאַמעט —
צום יום־טוב פֿון פֿרייהייט. מען שפּאַנט ניט באַזונדער.
דעם יאָך טראָגן אַקסן געשפּאַנטע באַזונדער,
די קרוינען פֿון רום טראָגן העלדן צוזאַמען.

עס טראָגן זיך העלדן, געוואַשן אין פֿלאַמען.
איז ווער קאָן זיי איצט שוין די וועגן פֿאַרצאַמען?

## יג.

עס טראָגן זיך העלדן, געוואַשן אין פלאַמען.
איז ווער קאָן זיי איצט שוין די וועגן פאַרצאַמען?

וואוהין איז דער וועג איצט? צום טויער פון פרייהייט?
צום שמאָלן און פינצטערן טירל פון קבר?
מען שפּאַנט און מען פרעגט ניט. מ'איז שטיל און פאַרטייעט,
אַמאָל נאָר אין גאַנג טוט אַ שטילן געשריי ווער.
מען שפּאַנט און מען רעדט ניט. אין נאַכט שעמערירן
די קנעפּ אויף די דייטשישע נייע מונדירן,
און ס'קלאַפּן די דייטשישע שווערע אָפּצאַסן
אין טויבע פאַרוואַונדעטע וואַרשעווער גאַסן.

די נאַכט אויף דעכער און טרעפּ אַ צעפּליקטע,
און יעטווידער שאָס טוט אַ שניט ווי אַ מעסער.
וואוהין איז דער וועג איצט? אַ פינצטערער ליגט ער
צום „פּאַוויאַק" — דער תּפיסה מיט ריזיקע שלעסער.
עס הוכט זיך — זי שווימט דורך דער נאַכט זיי אַנטקעגן
מיט פענצטערלעך טויטע, מיט אייזערנעם אומעט,
וואָס רינגלט די הערצער די דרייסטע אַרומעט,

און רינגלט זיינע רייפֿן אויף נאַכטישע וועגן,
וואָס זיינען די וועגן צום אומקום געוואָרן.

זיי שפּאַנען. דערקענען דערקענט זיי ניט קיינער,
אַפֿילו די חורבות, אַפֿילו די שטיינער,
וואָס קוקן אויף זיי מיט פֿאַרבאַרגענעם צאָרן.

דער „פּאַוויאַק״ שטייט אין דער נאַכט אַ פֿאַרקלערטער.
ער שטייט, ווי אַ ספֿינקס, אַ פֿאַרטרוימטער, אַ שטומער,
די ווענט זיינע היטן פֿאַרלאָרענע ווערטער,
ווי לעצטע סימנים פֿון מענטשלעכן זומער,
פֿון זומער, פֿון הארבסט און פֿון פֿרילינגען פֿריע,
פֿון מוטיקן „זיי געזונט״ ערב דער תליה...

אַ שאָס האָט די לופֿט די פֿאַרסמטע צעריסן,
אַ צווייטער... אַ דריטער... עס קרייצן זיך קוילן
און רויכן מיט רויכן לעם׳ תּפֿיסה זיך קנוילן,
אַט האָט שוין צעפּראַלט זיך דער טויער פֿון תּפֿיסה...

עס טראָגן זיך שאָטנס פֿון קאַמער צו קאַמער,
און ס׳מישט זיך דער טרוקענער קלאַפּ פֿונם האמער
מיט סקריפּן פֿון טירן, מיט טרעשטשען פֿון ברעטער,
און ס׳מישן זיך אוים די שליחים פֿון געטאָ
מיט אַלע, וואָס זיצן אין תּפֿיסה און וואַרטן, —
אויף תּליות, אויף קוילן, אויף שפּיצן, אויף שייטערס,
און ס׳דוכט זיך, אַז פֿול איז די תּפֿיסה מיט רייטערס,
וואָס קלאַפּן אין דילן מיט טלאָען מיט האַרטע.

און פֿול איז די תּפֿיסה מיט דייטשע מונדירן.
דאָס שיכּורע בלוט ביי די וועכטער נעמט פֿרירן.
אין וועמען דאָ צילן, אין וועמען דאָ שיסן?
אַ טומל. אַ חושך. איז ווער קאָן דאָס וויסן?
מונדירן, מונדירן, מונדירן, מונדירן.
עס גרילצן די שטיגן, עס קלאַפּן די טירן.
ס׳איז גוט, וואָס עס לעבט נאָך אַ נאַכט אַ געדיכטע.
די נאַכט קאָן פֿאַרבלענדן, די נאַכט קאָן פֿאַרפֿירן.
ווי שלעכט וואָלט געווען ווען ס׳איז אייביק דאָ ליכטיק,
מען וואָלט אין אַ רגע צעפּלאָנטערט דעם פּלאָנטער
און איינער דעם צווייטן דערזען און דערקענט דאָ:
די שליחים פֿון געטאָ אין דייטשע מונדירן.
די וועכטער, זיי פּלאַצן, די וועכטער קראַפּירן.
מונדירן, מונדירן, מונדירן, מונדירן.
די געסט פֿון דער געטאָ אין דייטשע מונדירן
און אַלע „פֿאַרברעכער" אין דייטשע מונדירן.
דער עיקר איז שיסן! קיין צייט ניט פֿאַרלוירן!
ס׳איז גוט, וואָס עס לעבט נאָך אַ נאַכט אויף דער וועלט דאָ.
עס דוכט, אַז די נאַכט האָט אַליין זיך פֿאַרשטעלט דאָ
און שלעפּט אַ מונדיר איבער שליאַכן אַ נייעם
אויף העלפֿן די העלדן פֿון תּפֿיסה באַפֿרייען!

עס גייט אַ געראַנגל, פֿון וועמען מיט וועמען?
מען קלינגט אין די שטאָבן. עס רוישט ווי אין גיהנום
מיט שמאַלינקע סטעזשקעס מען יאָגט זיך פֿון דאַנען,

מען יאָגט זיך אַהערצו מיט שליאַכן מיט ברייטע.
אַ גאַס ניט קיין גאַס איז — אַ פֿעלד מיט קורגאַנען,
עס טראָגן זיך שאָטנס מיט קאַמערס צעשיידטע.
דער וועג פֿירט אין געטאָ. באַפֿרייטע פּאָליאַקן
און יידן באַפֿרייטע. מען טראָגט זיך אינאיינעם,
די טירן די לעצטע די העק שוין צעהאַקן.
און פּוסט ווערט די תּפֿיסה, אויף בלוטיקע שטיינער
עס ליגן די וועכטער, די אויגן פֿאַרשלאָסן.
און רייך ווערט די געטאָ פֿון נייע סאָלדאַטן.
עס טרייסלט זיך וואַרשע פֿון גוואַלדן און שאָסן
פֿון טאַנקען, וואָס ברענען, פֿון דולע האַרמאַטן,
פֿון באָמבעס, וואָס פֿאַלן פֿון אַלע פֿיר זייטן,
פֿון נייע, פֿון נאָך ניט געזעענע צייטן,
פֿון שריפֿות, וואָס קומען פֿון הימל און פֿאַלן,
פֿון גבֿורה, וואָס רייפֿט אין די געטאָ-קוואַרטאַלן.

— נקמה! איין וואונטש גליט אין אונזערע שאַרבנס,
איין טרוים נאָר — די פֿאָן פֿונם פֿאָלק זאָל ניט שטאַרבן!

## יד.

— נקמה! איין וואונטש גליט אין אונזערע שאַרבנס,
איין טרוים נאָר — די פֿאָן פֿונם פֿאָלק זאָל ניט שטאַרבן!

די שאָטנס פֿון געטאָ — זיי שווייגן, זיי שוועבן,
זיי קאָנען ניט שטאַרבן און קאָנען ניט לעבן,
אַ היים איז די אָרעמע נאַקעטע וועלט זיי.
די וועלט און דער מענטשלעכער שוואַכער זכרון,
ווי שטענדיק דאָס פֿלאַמיקע שלאַכט־פֿעלד נאָר פֿעלט זיי,
זיי האָבן אין שלאַכט דאָס געווער ניט פֿאַרלאָרן.

זיי קומען ביינאַכט און זיי וועקן און רופֿן.
זיי קומען ווי תושבים, זיי קומען ווי שכנים,
זיי האָבן אין וואַרשע פֿאַרלאָרן די גופֿים.
און ס׳דוכט זיך זיי זיינען שוין אַלע אַלצאַיינע,
דער סוחר מיט גילדענע פאות, ווי רענדלעך,
דער בעטלער, וואָס פֿלעגט ווי אַ טאָרבע זיך שלעפּן,
דער דיכטער מיט טרוימען וואָס זיינען אומענדלעך,
די באָבע מיט שפּיזלעך אויף הילצערנעם טרעפּל,
דאָס יינגל מיט פֿריילעכע בשורות פֿון חדר,
די כלה אין ווייסע און זייבערע קליידער...

די שאָטנס פֿון געטאָ באַגלייטן מיך שטילע,
ס׳טראָגט איינער אַ קללה אין אויגן צעשטראַלטע,
דער צווייטער — אַ בענטשונג, דער דריטער — אַ תּפֿילה,
דער פֿערטער — אַ האָפֿנונג אויף ליפּן אויף קאַלטע.
זיי שווימען מיר נאָך און באַקוקן די ווענט,
זיי שוועבן פֿאַראַוים אינם רוים אינם פּוסטן
מיט פֿויסטן, וואָס ווייסן דעם טעם פֿון געשלעגן,
מיט הערצער, וואָס ווייסן דעם פּרייז פֿון פֿאַרלוסטן...

דאָס זיינען די שאָטנס פֿון וואַרשעווער געטאָ,
דאָס זיינען די העלדן פֿון וואַרשעווער געטאָ.

און ווי איך פֿאַרלאָז נאָר די געטאָ־קוואַרטאַלן,
קומט ווידער דאָס וואַרשעווער יינגל צו לויפֿן,
ער שוועבט מיט די שאָטנס, וואָס בלאָנקען און פֿאַלן,
און שלעפּט מיך צוריק צו די וואַרשעווער הויפֿן.
און קום איך צוריק אין דער געטאָ, אַנשטייט ער
פֿון חורבות און אַש, פֿון צעריסענעם פּוילן,
אויף דעכער אויף הויכע אַ מונטערער שטייט ער,
ווי מ׳האָט אים אין אָנהויב פֿון אויפֿשטאַנד באַפֿוילן —
דעם דריי מאָל פֿאַרוואונדעטן יונג דעם געניטן,
די דריי מאָל געלעכערטע פֿאָן צו באַהיטן.

איך קוק אויף זיין הויכקייט און כ׳פֿיל זיך דערהויבן.
עס הויבט אונז דאָ ביידע איין מוט און איין גלויבן.

איך קוק אויף זיין הויכקייט און פֿיל זיך דערשלאָגן
פֿאַר אונזערע קליינינטשקע, נישטיקע פּלאָגן,
פֿאַר דריבנינקע טרוימען, וואָס קומען נאָך זעלטן
פֿון אַלטע פֿאַרגאַנגענע נישטיקע וועלטן...
איך גיי נאָך שפּאַצירן, איך זינדיק, איך שמייכל,
איך בין נאָך מקנא מיין פֿריינט, וואָס איז פֿריילעך,
איך וויל נאָך מיין נאַרע זאָל ווערן אַ היכל.

די בליקן פֿון אומפֿריינט, פֿון נישטיקע צייל איך,
איך צייל נאָך די שטעך פֿון די נאָדלען, ווען שווערדן
פֿון שונאים פֿון גרויסע אין בלוט מיינס זיך שווענקען,
איך לייד נאָך פֿון קרענקלעכן קליינלעכן בענקען
פֿאַר ווייסקייט פֿון קישנס. וואָס שווייגן די ערדן?
ווי קאָנען זיי טראָגן דעם אומגליק דעם גרויסן,
די תליות, די קברים, די שטומע געשרייען,
דעם זומערס צעשאָסענעם בלוטיקן דרויסן,
דעם ווינטערס צעטראָטענע בלוטיקע שנייען?
וואָס שווייגן די שלאָקס־רעגנס אַלע, וואָס שווייגן,
וואָס קומען זיי ניט ווי אַ מבול פֿאַרשווענקען
די הערצער די זאַטע, וואָס ליגן אין שטייגן
מיט זייער פֿאַרוויאַנעטן קליינלעכן בענקען?
וואָס שווייגן די שאָטנס אין יאָרן, אין ראָוועס,
וואָס בלאָנקען זיי שטומע אויף חרובע בריקן,
וואָס קומען זיי ניט מיטן וועג פֿון די אָבות
ביינאַכט צו די שעכטער — זיי האַלזן און שטיקן?

וואָס שוויגסטו, וואָס רעדסטו ניט, וואַרשעווער יינגל?
איך זוך דיינע אויגן, וואָס קוועלן ווי גינגאָלד.
עס פֿעלט מיר דיין חכמה, דיין יינגלשע הייסקייט,
דיין שטילע עקשנות, דיין מוט און דיין דרייסטקייט.

וואָס ציט דיך צוריק צו דעם בערגל דעם קאַלטן,
ווער ליגט דאָרט אין קבר אין פֿייכטן באַהאַלטן?
דו ביזט נאָך באַפֿליגלט מיט פֿליגל מיט גרינגן,
וואָס שטייסטו, וואָס גליווערסטו, וואַרשעווער יינגל?
דו ווייסט אַלע לידער, וואָס וואַרשע פֿלעגט זינגען.
וואָס שטייסטו, וואָס גליווערסטו, וואַרשעווער יינגל?
דו קענסט אַלע סעדער, וואָס האָבן געבליט דאָ,
דו ווייסט אַלע סודות, וואָס וואַרשע פֿאַרהיט דאָ.

שטיי אויף! הער, עס שאַלט שוין דער אויסלייזונגס-האָרן.
דו דאַרפֿסט ניט קיין מיטה, דו דאַרפֿסט ניט קיין אָרון,
קום דורכגיין ווידער די וועגן די לאַנגע,
וואו דו ביסט אַמאָל אַזאַ שיינער געגאַנגען,
קום ווידער אַרויף אויפֿן מויער דעם הויכן,
קום הויבן די פֿאָן איבער שרפֿות און רויכן.
שטיי אויף! ס'קאָן ניט זיין, אַז אין טעג פֿון נצחון
זאָלסטו ביי די טישן די ברייטע ניט זיצן,
דיין טרוים ווי אַ צווייגל זאָל ליגן צעבראָכן,
דיין יוגנט זאָל אויף די יום-טובים ניט בליצן,

איז ווער וועט פֿאַרבייטן די טאַטעס, די זיידעס
און ווער וועט די לוחות פֿון יושר דערטראָגן?

דער משפּט איז נאָענט און דו ביזט דער עדות,
און דו ביזט דער שופֿט. די שעה האָט געשלאָגן!

## טו.

דער משפט איז נאָענט און דו ביזט דער עדות,
און דו ביזט דער שופט. די שעה האָט געשלאָגן.

וואָס שווייגסטו? וואָס שווייגסטו? אויב דו וועסט ניט זאָגן,
איז ווער וועט דערציילן דעם סוף פון אַן עדה,
וואָס איז מיט איר ליכטיקן אומקום געוואָרן
אַן אָנהויב פון אַנדערע, העכערע יאָרן?

וואָס שווייגסטו? וואָס רעדסטו ניט, וואַרשעווער יינגל?
די וועלט האָט דאָך שפּראַכן באַשאַפן אַזוי פיל.
איך ווייס: דיינע ווערטער, וואָס פלעגן ווי גינגאָלד
צעשפּילן זיך, פלאַטערן, פיבערן, לויפן, —
זיי זיינען אין קלעמען, זיי זיינען אין צוואַנגען
און אפשר האָט אויך זיי דער תליון געהאָנגען.

די וועלט האָט דאָך שפּראַכן אַזוי פיל באַשאַפן,
און ס'טרעפט, אַז אין וואַכיקן שלעפּ פון די וואָכן
די שטומקייט פון שיפן פון טויטע ביי האַפנס
רעדט מער ווי דער שטורעם, וואָס האָט זיי צעבראָכן.
עס טרעפט, אַז אַ הארבסטיקער גאָרטן אין דרעמל

מיט שטילער, מיט גאָלדענער בענקשאַפֿט באַרעמלט,
רעדט מער פֿון אַ רוישיקן טייך — פֿון אַ שרייער.
אַ פֿויגל — אַ נאַר, אַ דערשאָסענער זינגער,
זאָגט מער פֿון אַן עקסל, וואָס רעוועט אין שייער.
אַ ביסעלע אַש אויף פֿאַרבראַכענע פֿינגער
רעדט שטאַרקער אַמאָל ווי דאָס ברויזיקע פֿייער.

וואָס שווייגסטו, וואָס רעדסטו ניט, וואַרשעווער ייִנגל?
דו וועסט דיינע סודות פֿון מיר ניט באַהאַלטן,
כ׳וועל לויפֿן אין וואַרשעווער סעדער אין אַלטע,
אין סעדער, מיט שטעכיקע דראָטן באַרינגלט,
כ׳וועל הערן דעם רויש פֿון די וואַרשעווער ביימער,
די פֿריינט פֿונם שלאַנקן קדמונישן צעדער.
אַ סקריפּ פֿון אַ צווייג און אַ קרעכץ אַ געהיימער
וועט אַלץ מיר דערציילן...
די וואַרשעווער סעדער?

וואו זיינען די סעדער? עס ציען זיך תּליות,
ווי ס׳וואָלטן שוין מער ניט געוואַקסן קיין צווייגן,
קיין בלעטער אויף ביימער, נאָר מענטשן, וואָס שווייגן,
נאָר מענטשן און מענטשן, מיט בלייערנע וויעס,
מיט גלעזערנע אויגן... די וואַרשעווער סעדער...
ווען ס׳קומט נאָר דער אָוונט — זיך וואַקסן צוזאַמען
די הענט מיט די צווייגן, די מענטשן מיט שטאַמען,
און ס׳הענגען ביינאַנד דאָ דער רבֿ און דער בעדער,
דער עושר, דער בעטלער, די שנור און די שוויגער,

זיי זיינען ווי געסט פֿון אַ וועלט אַ ניט־היגער.
זיי הענגען און קוקן, זיי הענגען און שטומען,
הענגען און וואַרטן — דער קבֿרן זאָל קומען.
נאָר ס'קומט ניט דער קבֿרן. ער הענגט אויף אַ דעמבל.
און ס'שיט זיך די ערד פֿון געלאַטעטן העמדל.

אָט שטייט אינם שאָטן אַ בוים אַ צעשפּרייטער,
אַ ריז מיט אַ זילבערנער באָרד מיט אַ ברייטער,
אַ שפּיץ פֿון דער באָרד אין די ציינער פֿאַרביסן,
דעם לייבישן קאָפּ צו דעם הימל פֿאַרריסן —
דאָס הענגט הלל צייטלין. די הענט אויף די ריפּן,
עס פֿליסטערן שטיל די געשוואָלענע ליפּן,
ווי ס'וואָלט זיך זיי וועלן אַ סוד צו פֿאַרטרויען
דעם נאָענטסטן שכן דעם שווייגער דעם גרויען,
גדליה דעם שוסטער. און ס'רוישן די שטאַנגען:
ווען פּרץ זאָל לעבן — וואָלט פּרץ געהאַנגען!
זיי קוקן ניט איינער דעם צווייטן אין פּנים,
זיי האָבן די ציינער פֿאַרקריצט, ווי עקשנים,
און ס'קאָן זיי אַפֿילו דער טויט ניט פֿאַרשליסן
די זויבערע קוואַלן פֿון מוט און געוויסן.

ס'איז איין באָרד אַ שוואַרצע, די צווייטע — אַ ווייסע.
עס דוכט זיך: ס'איז גאָר ניט קיין וואָר, נאָר אַ מעשה,
אַ שרעקלעכע מעשה, וואָס האָט זיך פֿאַרלאָפֿן
מיט איינעם אַ מענטשן, ווען ער איז געשלאָפֿן...

װען דאָס איז אַ חלום, װאָלט ער זיך צערינען,
אין װאַרשעװער סעדער קאָנט איר אים געפֿינען,
דעם חלום דעם װיסטן. זײ הענגען אױף שטאַנגען.
ס׳טראָגט אײנער אַ שוסטעריש רעקל מיט לאַטעס,
דער צװײטער — אַ שװאַרצע קאַפּאָטע אַ לאַנגע,
װי אונזערע זײדעס, װי אונזערע טאַטעס;
ס׳שטײט אײנער מיט גראָבע, מיט די שוסטערשע פֿינגער,
דער צװײטער — מיט פֿינגער אױף מישן די ספֿרים.
ס׳זוכט אײנער אין צװײטן אַ האָפֿענונג, אַ גלױבן,
װאָס זאָל אונזער אָלעמענס אומגליק פֿאַרטױבן.
זײ האָבן די טױטע גערופֿן פֿון קברים
צום אױפֿשטאַנד אין שלאַכט קעגן שדים־באַצװינגער,
און װען מ׳האָט אין װאַרשעװער געטאָ געשאָסן,
האָט אױך זײער שטומקײט אין שלאַכט זיך געגאָרנט,
און זײערע װײטיקן מיט די פֿאַרדראָסן
זיך האָבן פֿאַרמישט מיטן מורדישן צאָרן.
און זײנען אין פֿלאַמען פֿאַרװאַנדלט געװאָרן,
און זײנען אין שאָטנס פֿאַרװאַנדלט געװאָרן...

און זאָל זײ דער טױט פֿון דער ערד ניט פֿאַרשטױסן,
און זאָלן זײ הױך זײן אין פֿאָלק אינם גרױסן.

## טז.

און זאָל זיי דער טויט פֿון דער ערד ניט פֿאַרשטויסן,
און זאָלן זיי הויך זיין אין פֿאָלק אינם גרויסן.

אַט דאָ איז דער קבר. דאָ ליגן זיי אַלע —
דער טאַטע, די מאַמע, דער חתן, די כלה.
דאָ ליגן די בעטלערס, דאָ ליגן די רייכע,
זיי ליגן ווי שכנים, זיי ליגן ווי גלייכע.
און ס׳דאַרף שוין דאָ קיינער ביי קיינעם ניט באָרגן,
און ס׳דאַרף שוין דאָ קיינער פֿאַר קיינעם ניט זאָרגן.
די ערד האָט פֿאַרגלייכט זיי. מען ליגט דאָ אַלצאיינע —
דאָס קינד פֿונם וויגל, די גרייז-גרויע זקנה,
דער נאַר און דער חכם, דער דאָקטאָר, דער חולה —
זיי ליגן דאָ אַלע י־עלעסטערט, געקוילעט.
דאָס בלוט זייערס קאָכט איבער גאַסן געפּלעטע,
דער מאַרך ליגט צעטראָטן אויף חורבות פֿון געטאָ.

דער יידישער מוח מיט ערד אַ פֿאַרמישטער,
די פֿרוכט זיינע פֿלעגן די אוצרות פֿאַרמערן.
ער ליגט דאָ אַ טויטער — דאָס ווילדגראָז דערפֿרישט ער,
ב׳אַשערט איז אים טרוקענע זאַנגען דערנערן,

ווי מיסט, וואָס מען האָט אויף די פֿעלדער פֿאַרלאָרן,
ווי גנאַי, וואָס מען ברענגט אויף צו שפּייזן דאָס קאָרן...

ער שפּרייט זיך אויף חרובע ווענט אַ צעשפּריצטער,
אויף גאַנקעס — די שפּורן, אויף טרעפּ זיינע טראָפּנס,
אין נעכט אויף די שטערן די זילבערנע בליצט ער
און שטומט אויף די קישנס ביי מערדער צוקאָפּנס...
דער מענטשלעכער מאַרך, — נאָך אין אַלטן מצרים
מיט אים האָט מען פּיתום און רעמסס געמויערט,
מיט אים, ווי מיט ליים, פֿלעגט מען וועלטן באַנייען.
די ערד האָט געטרויערט, ווען ער האָט געטרויערט,
מיט פֿרוכט זיינע האָבן די הענדלער געהאַנדלט,
געטוישט זיי אויף אָקסן, אויף קעמלען, אויף שטאָפֿן.
זיי האָבן פֿון דורות צו דורות געוואַנדלט,
מען פֿלעגט זיי פֿאַרוויגן, זיי פֿלעגן נים שלאָפֿן,
מען פֿלעגט זיי פֿאַרניכטן, פֿאַרברענען, פֿאַרשטיינען.
און זיי פֿלעגן לעבן און ברויזן און יוירן,
און אויב ס'איז געקומען אַ משה רבנו,
האָט ער אים, דער מאַרך דער געטויטער, געבוירן!

דער מאַרך פֿון די יידן — אויף שוימיקע פֿלאַמען,
אויף פֿלעצער פֿון רוים און אויף גאַסן מאַדרידער,
אויף ברעגן פֿון רהיין און אין רויך אַמסטערדאַמער,
עס הויבט זיך זיין גייסט, מיט די פֿלאַמען געברידערט...
עס האָבן אים רוצחים אויף שפּיזן געטראָגן,
זיין קראַפֿט האָבן רוצחים אויף תּליות געוואָרגן,

און ער האָט געבראַדיעט פֿון וואָגל צו וואָגל,
פֿון וויגל צו וויגל, פֿון מאָרגן צו מאָרגן...
ער האָט זיך געוואַלגערט אין הקדשן, היילן!
אויף געסלעך צעטאָפּט, אויף שטויבן פֿאַרלוירן,
נאָר אויב ס'איז געקומען אַ שלמה המלך,
האָט ער אים, דער מאַרך דער געטויטער, געבוירן.

דער יידישער מאַרך איבער וועגט אַ צעשפּריצטער,
דורך יאָרן, דורך דורות אין דימענטן בליצט ער.
מען טרעט אים, ווי זאַמד, נאָר זיין אומרו מען צערטלט,
ווי גילדענע אוצרות מען היט אים, מען כאָוועט,
מען קושט אים, מען קרוינט אים מיט רום און מיט כבוד,
מען האַקט אים מיט העק און אויף פּלעצער מען פֿערטלט,
מען האַלט אים אין סייפֿן, מען פֿאַרשט אים, מען פֿרישט אים,
מען וויקלט אין זון אים, מען וויקלט אין ווינט אים,
מען טאַנצט אויף זיין אַש, ווי די רויבער, די פּלשתים,
מען זעצט אים אויף טראָנען, מען וואַרפֿט פֿאַר די הינט אים.
די שאָטנס פֿון וואַרשעווער געטאָ דערציילן,
ווי ער איז געפֿאַלן און האָט זיך געהויבן.
צו הויך איז זיין יחוס, צו שטאָלץ איז זיין גלויבן,
אַז ער זאָל זיין גורל מיט ווערים צעטיילן.
ווער ס'מיינט, אַז זיין גייסט איז אין טרוים נאָר אומענדלעך,
זאָל קומען אין טויטע, אין וואַרשעווער הויפֿן,
אַהער, וואו געקאָנט מ'האָט די אייביקייט קויפֿן
פֿאַר מוט און פֿאַר לעבנס און ניט פֿאַר קיין רענדלעך.
זיי לעבן אין אונז מיטן בראָך, מיטן ווייטיק,

די שאָטנס די שטאָלצע פֿון וואַרשעווער געטאָ,
און ניט ווי קיין נעפלען אין רואיקע שניי־טעג,
און ניט ווי קיין בליצן אויף האַרבסטיקע בלעטער,
און ניט ווי קיין ספֿינקסן פֿון שטיינער געטעסעט.
זיי לעבן, ווי שפּורן פֿון גנאָד און פֿון חסד,
ווי פֿונקען, וואָס וועלן פֿאַרלאָשן ניט ווערן,
ווי פּאַנצערס געוועבטע פֿון מוט און פֿון טרערן.

פֿון שייטערס דער רויך — זייער אייביקער דאַך איז,
נקמה פֿאַר פּיין — זייער פֿינצטערער נחת...

יז.

פֿון שייטערס דער רויך — זייער אייביקער דאַך איז,
נקמה פֿאַר פּיין — זייער פֿינצטערער נחת.

עס שפּרייט זיך די נאַכט ווי אַ ריזיקע מיטה,
נאָר ס׳בלענדן אויף גאַסן נאָך בליצן צעגליטע,
און ס׳הילכן נאָך שאָסן אין געסלעך געשמידטע,
און ס׳ענטפֿערן שאָסן אין געטאָ פֿון ליטע.
און ס׳ענטפֿערן שאָסן פֿון וועלדער פּאַליעסער,
פֿון בערג יוגאָסלאַווער, פֿון גריכישע ערדן.
די גאַסן פֿון ריגע — ווי בליציקע מעסערס,
די ראָגן פֿון פּראָג — ווי די שפּיצן פֿון שווערדן.
און ס׳לויכט איבער אַלע דער רום און די גבורה
פֿון שלאַכט אויף דער וואָלגע, פֿון רוסלאַנדס באַגנעטן,
פֿון יענעם געבענטשטן און שלאַקסיקן שטורעם,
וואָס קומט נאָכן שניטער אין זומער אין שפּעטן...

די שאָטנס פֿון געטאָ — זיי בלאָנקען ווי שניטער,
ווי שניטער פֿאַרשניטן אין גרויסן געוויטער,
זיי בלאָנקען און ווייסן: דער טויט איז אַ ליגן.
פֿאַראויס גייט דער זקן, דער קאָפּ דער געניטער.

דאָס וואָרט פֿונם זקן איז הייליק געוואָרן.
געזאָגט האָט דער זקן: אויב בלייבן וועט הונדערט —
זאָל ברענען אין הונדערט פֿון דורות דער צאָרן,
און ווער ס'וועט נאָר בלייבן פֿון זיי אָפּגעזונדערט —
פֿאַרשאָלטן זאָל ווערן אויף אייביקע יאָרן!
— אויב בלייבן וועט פּופּציק! געזאָגט האָט דער זקן,
זאָל פֿלאַמען אין פּופּציק פֿון דורות די שנאה,
דער קאַמף זאָל ניט שטילן אויף טרעפּ און אויף שטאָקן,
אין קעלערס, אויף שוועלן, אויף דעכער אויף גרינע,
און אויב ס'וועט אַ צענדליק פֿאַרבלייבן אינגאַנצן,
פֿון וואַרשעווער ישוב אַ צענדליק אינגאַנצן,
פֿון פּוילישע יידן אַ צענדליק אינגאַנצן,
פֿון יידישן שטאַם נאָר אַ צענדליק אינגאַנצן —
זאָל דעמאָלט דער מנין מיט קראַפֿט אין די אָרעמס
ניט קומען די קברים מיט זיפֿצן באַקראַנצן,
זאָל דעמאָלט דער מנין אויף אונזערע קברים
ניט קומען קיין טרערן קיין הייסע פֿאַרגיסן,
אויב ס'וועט נאָך אַ צענדליק אינגאַנצן פֿאַרבלייבן,
זאָל גליען פֿון דורות אין זיי דער געוויסן
און זאָל דער געוויסן פֿון דורות זיי טרייבן
אין בייזע געשלעגן, אין לעצטע געשלעגן;
און אויב ס'וועט אין זייערע יידישע נעגל
איין קוילער כאָטש פֿאַלן דערשטיקט און דערוואָרגן
און וועט ניט דערלעבן דעם אויפֿגאַנג פֿון מאָרגן,
וועל איך אינם קבר די זין מיינע בענטשן,

די ברכה פֿון גאָט און די ברכה פֿון מענטשן,
זאָל לויכטן אין זייערע הייליקע נעמען.
און אויב ס׳וועט פֿון פֿייער, פֿון שלאַכט און פֿון קלעמען
זיך ראַטעווען איינער... איין ייד וועט פֿאַרבלייבן,
טאָ זאָל ער דעם אומגליק פֿאַר דורות באַשרייבן...

דורך פֿלאַמען געפּענטעט, דורך רויבער פֿאַררינגלט,
געבליבן איז איינער — דאָס וואַרשעווער יינגל.

יח.

דורך פֿלאַמען געפּענטעט, דורך רויבער באַרינגלט,
געבליבן איז איינער — דאָס וואַרשעווער ייִנגל.

לעבן אים האָט די פֿאָן פֿון דער געטאָ געפֿלאַטערט,
ער האָט מיט זיין קינדערשן קערפּער פֿאַרשטעלט זי,
זי האָט אין פֿרימאָרגנס אַ פֿרישע צעהעלט זיך,
די זון האָט די וואונדן מיט זון־שיין פֿאַרלאַטעט,
דער ווינט האָט געשענקט איר זיין אָטעם דעם גרינגן.
דריי נעכט, אז עס שלאָפֿט ניט דאָס וואַרשעווער ייִנגל,
ווי קאָן ער אָן אויג אויף אַ רגע פֿאַרמאַכן,
אַז מ׳האָט אים פֿאַרטרויט אַזאַ אוצר אַ גרויסן
און ער דאַרף דעם אוצר דעם גרויסן באַוואַכן
אַט דאָ אינם טויטן און פֿינצטערן דרויסן.

און אים האָט די געטאָ פֿאַרטרויט אַט דעם כבוד.
נאָר וואָס קומט שוין קיינער אים מער ניט פֿאַרבייטן.

אַט דאָ ערשט ניט לאַנג, ווען ס׳פֿלעגט קומען דער אָוונט,
פֿלעגט ער מיט די ייִנגלעך אויף בעזעמער רייטן,
זיי פֿלעגן אין פֿרעמדע סאָלדאַטן זיך שפּילן,

זיי פֿלעגן אין וואַרשעווער אַוונט אין שטילן
אויף שטומע, אויף הילצערנע פֿערדלעך זיך טראָגן,
זיי פֿלעגן מיט הילצערנע שווערדלעך זיך שלאָגן,
און שפּרינגען און זינגען אויף שטויביקע וועגן,
זיי האָבן געטרוימט וועגן גרויסע געשלעגן
מיט אמתע ביקסן און אמתע שפּיזן
מיט אמתע גרויסע סאָלדאַטן, ווי ריזן...

ווי גיך האָט די פֿריילעכע שפּיל זיך געענדיקט.
ווי גיך איז די גאָלדענע קינדהייט אַנטלאָפֿן,
זיין יוגנט האָט אים אויפֿן שייד־וועג געטראָפֿן
און האָט אים געבענטשט מיט איר אומזין, ווי שטענדיק,
וואָס האָט ניט קיין אָנהויב און האָט ניט קיין סופֿן...

עס ציען זיך טעג ווי חדשים, ווי יאָרן,
ער איז פֿאַר דער צייט שוין אַ יתום געוואָרן
און ווייסט נאָך אַליין ניט, אַז ער איז שוין איינער,
אַז ער איז אַליין נאַר, פֿון שטאָם אָפּגעריסן,
אַז קומען צו אים וועט שוין קיינער ניט, קיינער,
אַז ער איז די קראַפֿט און דער ריינער געוויסן,
פֿון זיידעס און טאַטעס, וואָס האָבן פֿאַרטרויט אים,
אַזוינס, וואָס עס דראָט ניט אַפֿילו דער טויט אים...

ער שטייט. מ׳האָט דריי טעג ניט געבראַכט שוין קיין ברויט אים.
צי דען האָבן אַלע אין אים שוין פֿאַרגעסן,
אים דוכט, אַז ער האָט שוין אַ יאָר ניט געגעסן,

און וואונדערט אליין זיך, ווי קאָן ער זיך האלטן,
ווי קאָן ער גאָר שטיין דאָ? עס בויגט זיך זיין רוקן,
נעכיי וואלט מען ברענגען א טראָפּן א קאלטן,
א טראָפּן כאָטש וואסער. אין מויל איז אים טרוקן.
די ליפּן צעטריסקעט און שווער איז אַפּילו
און שווער איז אים כאַפּן די לופט די ניט קילע...

ניט ברייט און ניט ווייט איז דער וועג צו דעם מויער,
וואו ס׳איז נאָך געבליבן א זכר פון לעבן:
די פאָן און דאָס יינגל. ס׳ווערט גרויער און גרויער
דער קאָפּ ביי דעם יינגל, מ׳האָט נעכטן זיין רבין
אויף פּיקעס געטראָגן. די צונג ביי זיין זיידן
מיט צוואנגען געריסן, דעם קאָפּ פון זיין מאַמען
דורך פענצטער געשליידערט. פון אנגסטן און ליידן
ווערט גרוי דאָ די פאָן מיטן יינגל צוזאַמען.

אָרום און אָרום זיינען מתים געלעגן,
ס׳האָט איינער געקוקט אין די אָפענע רוימען,
באַקוקט האָט א צווייטער די בלוטיקע וועגן,
וואו רויכן מיט אָטעמס די לעצטע נאָך שוימען.

עס ליגן די העלדן אויף טרעפּ און אויף שוועלן,
אין אלקערס, אין קיכן זיי ליגן צעצויגן
און קוקן מיט קאלטע פאַרגליווערטע אויגן,
און ס׳טראָגן זיך דייטשן און פּילדערן, קוועלן,
זיי פליען צום שטאָק צו דעם העכסטן, וואו ס׳ווייעט נאָך

די פֿאָן און דער וועכטער, דער נעכטיקער שטייט נאָך!...
מען דאַרף נאָר די פֿאָן פֿון דער געטאָ צערייסן,
מען דאַרף נאָר דאָס יינגל פֿון דער געטאָ צערייסן,
און ביידע זיי וואַרפֿן, דערטרינקען אין ווייסל
און דעמאָלט וועט זיין שוין די וועלט איבער־גליקלעך.

אויף גאַרנס פֿאַרבלוטיקטע הילכן אָפּצאַסן
און ס׳פֿלאַטערט די פֿאָן לעבן דעם יינגל דעם בלאַסן.
וואָס האָט ער נאָך איצטער? וואָס קאָן ער פֿאַרלירן?
צוויי קוילן פֿאַרמאָגט ער בלויז פֿלינקע און גרייטע,
איין קויל פֿאַרן שונא, פֿאַר ווּעמען די צווייטע?
ער האָט שוין באַשלאָסן, מען קלאַפּט אין די טירן.
די טירן פֿאַרזיגלט, פֿאַרקייטלט, פֿאַרשלאָסן,
ער זעט, ווי צוויי שדים זיך טראָגן פֿאַרביי דאָ
אָט דאָרט אויף דער ערד, וואו זיין בלוט האָט געפֿלאָסן,
צוויי שדים באַקוקן די לעצטע געביידע,
די פֿעסטונג די לעצטע פֿון וואַרשעווער געטאָ,
צוויי דייטשן פֿאַרהויבן די שוואַרצע פּיסטוילן
צו זון־שטראַלן לעצטע, צו וואָלקנס צו שפּעטע,
צום גרויליקן, פֿראָסטיקן הימל פֿון פּוילן
און ביידע אין פֿאָן פֿון דער געטאָ זיי צילן
און טויטן דאָס וואַרשעווער יינגל זיי ווילן.

וואָס האָט ער נאָך איצטער? וואָס קאָן ער פֿאַרלירן?
צוויי קוילן פֿאַרמאָגט ער געשיקטע און גרייטע.

עס קלאַפּן אָפּצאַסן, מען שיסט אין די טירן,
וואָס האָט ער נאָך איצטער? די פֿאָן, די צעווייטע,
וואָס ער איז איר איינציקער וועכטער געבליבן.
וואָס האָט ער נאָך איצטער? עס ציטערט דאָס שטיבל,
אַ שאָס און אַ צווייטער און ס׳קערן זיך איבער
די דייטשן און פֿאַלן אַריין אין די גריבער,
וואָס זיי האָבן אָקאָרשט פֿאַר יידן געגרייט דאָ
אויף כמאַריקע גאַסן פֿון כמאַריקן פּוילן.
דאָס וואַרשעווער ייִנגל געהאַט האָט צוויי קוילן,
איין קויל פֿאַרן שונא, די צווייטע — די צווייטע...
און איצט האָט ער גאָרניט. ס׳באַרינגלען אים קראָען.

דער טויט איז זיין לעבן. די פֿאָן — זיין צוואָה.

זי איז זיין ירושה, זיין גלויבן, זיין האָפֿן,
מיט איר איז זיין וועג צו דער אייביקייט אָפֿן!

## יט.

זי איז זיין ירושה, זיין גלויבן, זיין האָפֿן,
מיט איר איז זיין וועג צו דער אייביקייט אָפֿן,
די פֿאָן פֿון דער געטאָ — זיין איינציקע טרייסט איז
און נאָר זיין געוויסן דער יינגלשער ווייסט עס,
און מער ווייסט ניט קיינער. ס׳איז קיינער ניטאָ מער,
אַפֿילו דער שטילער, דער פֿינצטערער יאָמער
איז אויך שוין פֿאַרשוואונדן פֿון געטאָ-געצעלטן,
אַפֿילו אַ זיפֿצעניש הערט מען שוין זעלטן.

און אויב נאָר עס אָטעמט נאָך עמיצער ערגעץ,
באַפֿרישט שוין זיין אָטעם די נאַכט און בערג איצט,
באַפֿרישט איצט זיין אָטעם פֿוןביימער די בלעטער,
די האַנט זיינע ליגט אויף דער ביקס דער געטרייער,
די ליפּ זיינע בענטשט דאָס גערעכטיקטע פֿייער.
און דאָ אויף די חורבות פֿון וואַרשעווער געטאָ,
לעם העלדן געטויטע, ביי קברים ביי פֿרישע,
ביי הייזער פֿאַרברענטע, ביי פֿענצטער צעזעצטע,
לעבט איינער, דאָס וואַרשעווער יינגל, דאָס לעצטע.

די גאַנצע ירושה פֿון וואַרשעווער ישוב
געהערט איצטער אים נאָר — די ליידן און פֿריידן,
דער צער פֿון דורות, פֿון דורות דער צאָרן,
דעם אייניקלס שמייכל, דער גלויבן פֿון זיידן,
די מאַמישע טרער און דער אַש פֿון די יאָרן,
די הייליקע וואונדן, די עוולות, דער יושר,
פֿון יום־טוב די זון און פֿון געטאָס דער חושך...
די צייט פֿליט משוגענערווייז פֿאַר די אויגן,
עס האָט פֿאַרן הארצן אים עפּעס געצויגן.
זיין היים מיט די אַלטע געלאַטעטע שויבן
האָט איצט אים געצויגן? די פֿריילעכע טויבן,
וואָס האָבן געוואָרקעט אויף דאַרע אַקאַציעס?
דער שיכור מארק, וואו דער רוישיקער פּלאַץ איז
פֿאַרדרייט און פֿאַרהאַוועט געווען מיטן האַנדל?
וואָס ציט אים אַצינדער? דער שטאָטישער גאָרטן,
דער פּלויט מיט די שווערע די בראָנזענע ראַנדן,
וואָס דאַרף ער אַהינצו? וואָס האָט ער איצט דאָרטן?
וואָס ציט אים פֿון דאַנען? די יינגלעך פֿון חדר —
מנשהקע און בערל? זיי זיינען ניטאָ מער.
איז רופֿט אים אַראָפּ דער דערוואָרגענער יאָמער,
צי אפֿשר דער גוטער, דער פֿריילעכער סדר,
וואָס ס׳ווילט זיך ביז גאָר אים פֿאַרענדיקן דוקא,
ער האָט נאָך אַ קשיא ביים טאַטן צו פֿרעגן,
נאָר פֿרעגן אַ פֿינפֿטע וועט ער זיך דערוועגן?
איז רופֿט אים גאָר אפֿשר די טונקעלע חוהקע,

דאָס שוואַרצינקע מיידל מיט הימלשע אויגן —
זיך שפּילן אין זאַמד און אַ שטיבעלע בויען,
האָט ער דאָך געזען אין פרימאָרגן אין גרויען,
ווי ס'איז איר נשמה דורך דעכער געפלויגן...
איז רופט אים דאָס וויגל, וואו ער איז געלעגן,
דאָס וויג-ליד מיט ראָזשינקעס זיסע און מאַנדלען?
ער ווייסט, אַז זיין וויג ליגט צעבראָכט אויף די וועגן,
און ס'וועט מער זיין טאַטע ניט וואָגלען, ניט וואַנדלען...

איז וואָס-זשע ציט פאָרט אים אַראָפּ פון די הויכן,
וואָס שלעפּט אים מיט צוואַנגען צום שטיבל צום קליינעם,
וואו ס'ליגן פאַרדעקט ווי מיט קאָלדרעס, מיט רויכן,
די שטילע אויף אייביק אַנטשלאָפענע שכנים,
איז רופט אים זיין קינדהייט? זי איז שוין געשטאָרבן,
דער סאַד, וואו ער האָט זיך געשפּילט, איז פאַרדאָרבן,
אין חדר אין זיינעם — דאָרט לעבן שוין שלאַנגען.
זיין רבי? מען האָט אים דעם ערשטן געהאַנגען...
וואָס רופט אים פון דאַנען? וואָס ציט ווי מיט צוואַנגען?
דעם זיידנס געבאָטן? דאָס קול פון דער מאַמע?
זי האָט אים באַגלייט לעם דעם דעמבענעם טויער
און האָט אים געבעטן מיט מאַמישן טרויער,
ער זאָל זיך צו לאַנג אינם וועג ניט פאַרזאַמען —
זי וועט אויף אים וואַרטן... זי וואַרט דאָרט מסתמא...
דריי טעג איז אַ שטיין אויף זיין האַרצן געלעגן,
און שטיל האָט זיין מויל זיך גענומען באַוועגן,
פון הויך האָט אַ פאַל געטאָן ציטערדיק: מאַמע...

דאָס וואָרט איז געפֿאַלן פֿון שטאָקן צו שטאָקן,
דער יונג האָט אַליין פֿאַרן וואָרט זיך דערשראָקן,
און שטיל זיך צעוויינט, אַז ס'זאָל קיינער ניט הערן
מיט קינדערשן טרוקענעם כליפּען אָן טרערן...

אַזוי הויבט זיך אָן דאָ די נייע הגדה:
געווען איז אַ וועלט דאָ, געלעבט האָט אַ שטאָט דאָ...

## כ.

אזוי הויבט זיך אָן דאָ די נייע הגדה:
געווען איז אַ וועלט דאָ, געלעבט האָט אַ שטאָט דאָ...
מיט ליידיקע הענט און מיט טרויער באַשאָנקען
די שאָטנס פֿון וואַרשעווער געטאָ נאָר בלאָנקען,
פֿון גאַס און צו גאַס און פֿון געסל צו געסל
זיי האָבן דעם וועג צו דעם זיג ניט פֿאַרגעסן.
עס זעט זיי ניט קיינער, זיי שוועבן אין ציטער,
ווי שפּורן פֿון וואָלקנס אין גרויסן געוויטער...

עס טראָגט זיי שוין איצט ניט קיין טרונק און קיין עסן
דער האַרציקער פּוילישער שכן ווי נעכטן,
עס קומט ניט דער קוילער ווי נעכטן זיי שעכטן,
עס ברענגט שוין קיין ביקס ניט פֿון וועלדער פּאַטלאַטע
דער האַרציקער פּוילישער פּויער ווי נעכטן,
עס רייסט זיך ניט מער שוין דורך פֿינצטערע גראַטעס
מיט פֿאָנען און שפּיזן די העלע ישועה,
אויף ליפּן אויף טויטע דער לעצטער געשריי ליגט

און ס׳רוען אין שוואונג אינם לעצטן געהייליקט
די קדושים פֿון געטאָ. זיי ליגן און רוען,
און ס׳הויבן זיך קוילן פֿון זייערע טרערן,
און ס׳הויבן זיך פֿלאַמען פֿון זייערע קללות...
עס שוועבן די וואַרשעווער שאָטנס אין גלות,
זיי שוועבן און שטייגן, זיי שוועבן און הערן,
ווי ס׳טראָגט זיך דורך פֿלאַמען, דורך ווייטיק, דורך בראָכן,
דורך וועלדער פֿאַרברענטע, דורך ראָוועס, דורך יאָרן,
דורך סטעפּעס, דורך שטורעמס, דורך אַלע געפֿאַרן
פֿון רוסישער גרעניץ דעם גרוס פֿון נצחון.

דאָס יינגל פֿון געטאָ הערט גאָרניט אַצינדער,
ער הערט נאָר די שטילקייט אויף וואַרשעווער גאַסן,
דעם סקריפּ אויף די לייטערס, דעם טופּ פֿון אָפּצאַסן,
דאָס הירזשען פֿון ברוינע, פֿון שיכורע שינדער.

פֿון רייכטימער אַלע, וואָס ער האָט געירשנט,
פֿאַרמאָגט ער די פֿאָן און דעם חורבן פֿון וואַרשע.
וואָס טוט מען? קיין עצה קאָן קיינער ניט געבן,
און ער האָט נאָך קיינמאָל געוואָלט אַזוי לעבן,
ווי איצטער, נאָר ס׳קומען די לעצטע מינוטן,
געווים וועט אים קיינער ניט נעמען מיט גוטן.
נאָר אָט האָט דער טויט זיך צו אים דורכגעריסן.
דער יונג האָט די טרוקענע ליפּן פֿאַרביסן,
און האָט אין געדאַנקען פֿאַרפּלאָנטערטע, מידע
געזוכט שוין די ווערטער די לעצטע, פֿון ווידוי...

וואָס טוט ער? ער ווישט זיך דעם שוויים מיטן אַרבל,
ער קאָן מער ניט לעבן. נאָר ווי קאָן ער שטאַרבן?
אַ קוק אויף דער פֿאָן און אַ קוק אויפֿן אָוונט,
די פֿאָן איז נאָך קיינמאָל געווען אַזוי נאָענט,
ווי קאָן ער זי וואַרפֿן, מען זאָל זי צעפּליקן,
עס זאָלן זי ראָבן מיט שפּיזן צעפּיקן,
מען זאָל מיט שטיוול מיט דייטשישע טרעטן,
מען זאָל אויף איר שפּייען, מען זאָל פֿון איר שפּעטן?
אַ מענטש איז אַ מענטש, איז געלעבט און געשטאָרבן,
אַ פֿאָן טאָר ניט פֿאַלן אויף דר׳ערד, ווי אַ קרבן?

אַ נעם טוט דאָס יינגל די פֿאָן די צעווייטע
און וויקלט צונויף אירע פֿאַלדן די ברייטע,
און ס׳וואַרפֿט זי אַרויף, ווי אַ מאַנטל אַ גרינגן,
אויף פּלייצעס אויף זיינע דאָס וואַרשעווער יינגל,
ער קוטעט זיך איין אין איר רוס, אין איר ווייטיק,
און טוט זיך אַ וואָרף פֿון צעשייטערטן גאָרן...

אַזוי איז די פֿאָן ניט געלעסטערט געוואָרן!

ס׳באַגלייטן אים קוילן, ווי האָגלס, ווי שלאַקסן,
ס׳באַגלייט אים אַ טויבער געוואָי פֿון שאַקאַלן,
און ס׳טראָגט זיך דאָס יינגל, די פֿאָן אויף די אַקסל.
די הענט — ווי די פֿליגל, די אויגן — ווי שטראַלן.

## כא.

און ס׳טראָגט זיך דאָס יינגל. די פֿאָן אויף די אַקסל,
די הענט — ווי די פֿליגל, די אויגן — ווי שטראַלן.

די דונערס און בליצן אַלץ וואַקסן און וואַקסן,
און ס׳וואַרטן די רויבער דאָס יינגל זאָל פֿאַלן,
נאָר ס׳פֿאַלט ניט. עס טראָגט זיך אַלץ ווייטער און ווייטער.
און אונטן די ערד ליגט אין וואונדן, אין שייטערס,
פֿאַרזייט מיט געקוילעטע זיידעס און קינדער...

ס׳פֿאַררייסן די קעפּ די געשוואוירענע שינדער
און זוכן און זוכן די פֿאָן און דעם היטער.
פֿון שאָסן און גוואַלדן די ערד גיט אַ ציטער,
פֿון שאָסן און גוואַלדן די סעדער זיך שאָקלען.
מען נישטערט דעם הימל מיט לאַנגע בינאָקלען.
אָט ווייזט ער זיך ווידער, דער יונג מיטן מאַנטל,
אָט בלענדן אין הימל די פֿלאַמיקע קאַנטן,
און ווערן, ווי בליצן, צעפֿלאַמט, און פֿאַרשווינדן.
אָט ווערט ער אַ וואָלקן אויף קעפּ פֿון די שינדער,
אָט ווערט ער אַ שטערן אַ בלאַסער, אַ בלינדער,
אָט ווערט ער אַ שׂרפֿה, די פֿינצטערניש צינדט ער,

אַט ווייזט ער זיך ווידער און אַט־אַ פֿאַרשווינדט ער...
ער טראָגט זיך און פֿאַלט ניט. ווער האָט אים באַפֿליגלט,
דאָס יינגל פֿון געטאָ — דאָס וויג־ליד אין וויגל?
ווער האָט אים באַפֿליגלט, דאָס יינגל פֿון געטאָ, —
די טויב נאָכן מבול? אַן אָנזאָג אויף שפּעטער,
דער גלויבן, אַז ס׳גרינען שוין צווייגן און בלעטער
אין תוהו־ובוהו? די קראַפֿט פֿון די אָבות,
וואָס איז ניט געפֿאַלן געשענדט אין די ראָוועס?
וואָס איז ניט געפֿאַלן און וועט שוין ניט פֿאַלן,
צי אפֿשר געשענקט האָט אים פֿליגל דער מלאך,
וואָס איז צו אברהם אָבינו געקומען,
און האָט פֿאַר זיין הייליקער האַנט אים גענומען
און האָט אים געבענטשט פֿאַר זיין שטענדיקער גרייטקייט?
צי אפֿשר געהערן די פֿליגל גאָר יענעם,
וואָס האָט אין זיין אייביקער גרויסקייט און ברייטקייט
געלינדערט די ליידן אפֿילו אין גיהנום,
וואָס האָט מיט זיין גנעדיקייט משה רבנו
געלינדערט דעם טויט מיט אַ קוש מיט אַ שטילן?
וואָס זיינען די פֿליגל? דער קוש יענער ריינער?
די שטענדיקע גרייטקייט? די קראַפֿט און דער ווילן?
צי זיינען די פֿליגל אין איינער אַ נאַכט גאָר
פֿון רוסישע שנייען דעם יינגל געבראַכט גאָר
און זיינען געשליפֿן פֿון טייערסטע שטאָפֿן,
פֿון שטאָפֿן, וואָס ווערן געבוירן אויף צפֿון?
און אפֿשר גאָר זיינען די פֿליגל בלויז פֿאַרבן,

וואָס שווינדלען ביים זון־פֿאַרגאַנג ערגעץ אין הויכן.
און אפֿשר גאָר זיינען זיי פּשוט אַ צייכן
פֿון קיינמאָל ניט לעבן און קיינמאָל ניט שטאַרבן,
אַ צייכן, וואָס כּשופֿט און בלענדט נאָר און רינגלט...

וואָס זיינען די פֿליגל? דאָס וואַרשעווער יינגל,
דאָס יינגל פֿון געטאָ, איז יונג נאָך און ווייסט ניט.
דאָס ווייסן ניט יענע, וואָס האָבן קיין טרייסט ניט
און האָבן קיין האָפֿענונג מער אין דעם קיום.
דאָס ווייסן די אַלטע און נייע נביאים,
די דורות די פֿריע, די דורות די שפּעטע.
דאָס ווייסן די פֿאָנען, וואָס קומען באַגריסן
די פֿאָן פֿון דער געטאָ. דאָס ווייסט דער געוויסן,
דאָס ווייסן די שאָטנס פֿון וואַרשעווער געטאָ,
דאָס ווייסן די פּשוטע מענטשלעכע ריזן,
וואָס טראָגן די גרויסע גאולה אויף שפּיזן!

# אויסגאַבעס פון איקוף


| | |
|---|---|
| ד״ר חיים זשיטלאָווסקי — ייד און וועלט | $2.50 |
| נחמן מייזיל — י. ל. פּרץ (זיין לעבן און שאַפן) | 2.50 |
| מ. ווינער — יידישע ליטעראַטור אינעם 19טן י״ה (1טער באַנד) | 250 |
| איציק פעפער — רויטאַרמייאיש (אויספאַרקויפט) | 1.00 |
| מ. ווינער — יידישע ליטעראַטור אינעם 19טן י״ה (2טער באַנד) | 250 |
| חיים גראַדע — דורות (לידער און פּאָעמעס) | 1.75 |
| פאָלקס־געזאַנגען לויטן נוסח פון ח. קאָטיליאַנסקי (מיט נאָטן) | 5.00 |
| בריוו און רעדעס פון י. ל. פּרץ — צונויפגעזאַמלט נחמן מייזיל | 3.00 |
| שלום אַש — דער מאַן פון נצרת (ראָמאַן אין 2 בענד) | 3.00 |
| א. ראַבאָי — דער יידישער קאָובאָי (ראָמאַן) | 1.50 |
| א. ראַבאָי — איז געקומען אַ ייד קיין אַמעריקע | 1.50 |
| איציק פעפער — די שאָטנס פון וואַרשעווער געטאָ (פּאָעמע) | 1.00 |
| דער נסתר — די משפחה מאַשבער (ראָמאַן) | 1.75 |
| ז. וויינפער — דאָס געזאַנג פון אַ גלויביקן | 1.50 |
| מלכה לי — קינות פון אונדזער צייט (לידער) | 1.25 |
| דאָרע טייטלבוים — אינמיטן וועלט (לידער) | 1.00 |
| מ. גאָלדשטיין — ביראָ־בידזשאַנער אויפן אַמור און אַנד. | 1.00 |
| אַברהם ביק — חסידות־מאָטיוון אין דער יידישער ליטעראַטור | 1.00 |
| יעקב מעסטעל — אונדזער טעאַטער | 1.00 |
| קלמן מרמר — אָנהייב פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע | 1.00 |
| ב. עפּלבוים — פאַרלאָשן ליכט (דערציילונג) | 1.00 |

ג. בוכוואַלד — טעאַטער .......... 3.00 דע־לוקס אויסגאַבע .......... 5.00

פֿרידריך ענגעלס — לודוויג פֿייערבאַך (איבערגעזעצט פֿון ש. ווינער) .......... 1.00

קעגן די אָנפֿאַלער אויף ד״ר ח. זשיטלאָווסקי (זאַמלונג) .......... .35

ד״ר ח. זשיטלאָווסקי — אונדזער נייער קולטור־ווילן .......... .20

מ. אָלגין — פֿאָלק און קולטור .......... .20

נ. מייזיל — דורות און תּקופֿות אין דער יידישער ליטעראַטור .......... .25

ל. קאָברין — ריווערסייד־דרייוו (דראַמע אין 3 אַקטן) .......... .25

ש. אַפּטער — דער בונט און אַנדערע דערציילונגען .......... .25

איליאַ ערנבורג — דער קריג און דער שרייבער .......... .10

לעאָן קאָברין — פֿון דייטשמעריש צו יידיש .......... .5

דער נסתּר — העשל אַנשעלעס, דער יידע מיטן איינקל .......... .15

נ. מייזיל — אייזיק מאיר דיק .......... .5

אַלוועלטלעכער יידישער קולטור־קאָנגרעס .......... .50

## עס דרוקט זיך און דערשיינט אין גיכן:

ד״ר ח. זשיטלאָווסקי — דער זין פֿון מענטשלעכן לעבן

ראובן בריינין — פֿון מיין לעבנס־בוך

דוד האָפּשטיין — איך גלויב (לידער)

נחמן מייזיל — פֿאָרגייער און מיטגייער

אַברהם טייטלבוים — וויליאַם שעקספּיר

ש. אַפּטער — אין דער רוימישער געטאָ (ראָמאַן)

ז. ווינפּער — אויף די זאַמדן פֿון יהודה (ראָמאַן)

יעקב מילך — אויטאָביאָגראַפֿישע סקיצן

YKUF
189 Second Avenue
New York 3, N. Y.